# מעשה בחכם ותם

א. די צוויי קינדער (א בילדונגסראָמאַן)

1.ביידע טאַטעס ווערן יורדים
2. דער חכם
   - פאָרט אויס א וועלט
   - לערנט זיך אויס אלע 7 חכמות
   - זיין כפירה, און זיינע יסורים
3. דער תם
   - בלייבט אויף אן אָרט
   - לערנט זיך קוים אויס שוסטעריי
   - זיין גוואלדיקע פשטות, זיין תמימות און פרייד: ***"נאָר אָן ליצנות!"***
4. די צוויי גוטע-פריינד טרעפן זיך ווידער
   - דער חכם קערט זיך אום אַהיים
   - איינער ירשנט דעם טאַטנס שטוב, דער 2טער בלייבט אָן א היים
   - דער דיאַלאָג צווישן זיי: ***"ביי השי"י איז אַלץ מעגלעך."***

ב. ווי די צוויי גוטע-פריינד בייטן זיך מיט די ראָלעס

1. דער פאַרשיידנער אָפּרוף אויפן מלכס בריוו
2. דער חכם איז עולה לגדולה, לערנט זיך אויס חכמה
3. דער חכם און זיין חבר-חכם זענען כופר-בעיקר און ווערן פאַרפאַלן
4. זיי לאַכן זיך אויס פונעם בעל-שם און מע שלאָגט זיי מכות-רצח
5. זיי שטייען סוף-כל-סוף פאַרן מיניסטער און דעם תמס נבואה ווערט מקוים

ג. דער פארשיידנער אָפּרוף אויפן טייוולס רוף

1. דער תם-מיניסטער באקומט א קמיע פונעם בעל-שם
2. דער חכם און זיין חבר פאַלן אריין א טיפער בלאָטע ווו עס זיצט אויך דער טייוול
3. דער בעל-שם און דער תם ראַטעווען זיי און דער חכם מוז מודה זיין אויפן אמת

1809 מניסן

# מעשה ט

מעשה שני בעלי בתים היו בעיר אחת והיו גדולים בעשירות. והיה להם בתים גדולים. והיו להם שני בנים לכ״א בן אחד. ולמדו שניהם בחדר אחד ואלו השני בנים היו א׳ מהם בר הבנה והא׳ היה תם. (לא שהיה טפש אלא שהיה לו שכל פשוט ונמוך) ואלו השני בנים היו אוהבים זה את זה מאוד. אע״פ שהאחד היה חכם והא׳ היה תם ומוחו היה נמוך אעפ״כ אהבו זה את זה מאוד. לימים התחילו הב׳ בעלי בתים הנ״ל לירד. וירדו מטה מטה עד שאבדו הכל ונעשו אביונים. ולא נשאר להם כ״א הבתים שלהם. והבנים התחילו להתגדל אמרו האבות הנ״ל להבנים אין בידינו לשלם עבוריכם להחזיק אתכם עשו לכם מה שתעשו. הלך התם ולמד מלאכת רצען. והחכם שהיה בר הבנה לא היה רצונו לעסוק במלאכה פשוטה כזו ויישב בדעתו שילך בעולם ויסתכל מה לעשות. והיה הולך ומשוטט בשוק. וראה עגלה גדולה עם ארבעה סוסים וחאמיטש שהיתה רצה והולכת. ענה ואמר להסוחרים. מאין אתם. השיבו לו מווארשא. להיכן אתם נוסעים. לווארשא. שאל אותם. שמא אתם צריכים משרתים. ראו שהוא בר הבנה ומזורז. והוטב בעיניהם. וקבלו אותו עמהם. ונסע עמם ושמש אותם היטב מאוד על הדרך. בבואו לווראשא. מאחר שהיה בר הבנה יישב עצמו

מַעֲשֶׂה אַמָאל זֶענֶען גִיוֶועזְן צְוֵויי בַּעלֵי בָּתִּים אִין אֵיין שְׁטָאט. אוּן זֵיי הָאבִּין גִיהַאט גְרוֹס עֲשִׁירוּת. אוּן הָאבִּין גִיהַאט גְרוֹסֶע הַייזֶער. דִי צְוֵויי בַּעלֵי בָּתִּים הָאבִּין גִיהַאט צְוֵויי זִין. דְהַיְינוּ אִיטְלִיכֶער הָאט גִיהַאט אֵיין זוּן. דִי צְוֵויי קִינְדֶער הָאבִּין בֵּיידֶע גִילֶערִינְט אִין אֵיין חדר. אוּן אֵיינֶער פוּן זֵיי אִיז גִיוֶועזְן אַחכם אוּן אֵיינֶער אִיז גְוֶועזְן אַתָּם. (נִיט עֶר אִיז גִיוֶועזְן אַנַאר. נָאר זַיין שֵׂכֶל אִיז גְוֶועזְן פְּרָאסְטִי אָן חָכְמוֹת) אוּן דִי צְוֵויי קִינְדֶער הָאבִּין זִיךְ זֵייעֶר לִיבּ גִיהַאט. חָאטְשֶׁע אֵיינֶער אִיז גִיוֶועזְן אַחכם אוּן דֶער אַנְדֶערֶער אִיז גִיוֶועזְן אַתָּם אוּן זַיין שֵׂכֶל אִיז פְּרָאסְטִי גִיוֶועזְן. פוּן דֶעסְט וֶועגִין הָאבִּין זֵיי זִיךְ פָּארְט זֵייעֶר לִיבּ גִיהַאט: אִין אַצַייט אַרוּם. הָאבְּען אָן גְהוֹבִּין דִי בֵּיידֶע בַּעלֵי בָּתִּים אַרָאפּ צוּ גֵיין. פוּן זֵייעֶר עֲשִׁירוּת. אוּן זֶענֶען אַלְץ אַרָאפּ מטה מטה. בִּיז זֵיי הָאבִּין גָאר אָן גְוואֹרן אוּן זֵייא זֶענֶען גִיוָוארִין אָרִימֶע לַייט. אוּן סֶע אִיז זֵיי מֶער נִיט גִיבְּלִיבְּן נָאר זֵייעֶרֶע הַייזֶער. אוּן דִי קִינְדֶער הָאבְּן אָן גִיהוֹבִּין אוּנְטֶער צוּ וַואקְסִין. הָאבִּין דִי בעלי בתים גִיזָאגְט צוּ דִי קִינְדֶער. מִיר הָאבִּין נִיט צוּ צָאלִין פַּאר אַייךְ. מִיר קֶענֶען נִיט הַאלְטִין אַייךְ. טוּט אַייךְ וָואס אִיר וֶועט קֶענֶען. אִיז גִיגַאנְגֶען דֶער תָּם אוּן הָאט זִיךְ גִילֶערִינְט שׁוּסְטֶערַיי. דֶער חכם אִיז גִיוֶועזְן אַבַּר הבנה (כלומר אַקְלוּגֶער אַפַאר שְׁטַאנְדִיקֶער מֶענְטְשׁ) הָאט עֶר נִיט גִיוָואלְט זִיךְ נֶעמֶען צוּ אַזוֹ אַפְּרָאסְטִי מלאכה. אוּן עֶר הָאט זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶועזְן. עֶר וֶועט זִיךְ לָאזִין אוֹיף דֶער וֶועלְט. אוּן וֶועט זִיךְ אַרוּם קוּקְן וָואס עֶר זָאל טָאן אוּן עֶר אִיז אַרוּם גִיגַאנְגֶען אִין מַארְק. הָאט עֶר דֶער זֶעהן אַגְרוֹיסֶע בְּרִיקֶע מִיט פִיר פֶערְד מִיט חָאמִיטִישׁ אִיז דוּרְךְ גִילָאפְן. הָאט עֶר זִיךְ אָן גִירוּפִין צוּ דִי סוחרים פוּן וַואנֶעט זֶענְט אִיר. הָאבִּין זֵיי אִים גִיעֶנְפֶרְט פוּן ווארשא. ווּא הִין פָּארְט אִיר. קֵיין ווארשא. הָאט עֶר זֵיי גִיפְרֶעגְט. טָאמֶער בַּדַארְפְט אִיר אֵיין מְשָׁרֵתִיל. דִי סוחרים הָאבְּן גִיזֶעהְן אַז עֶר אִיז אַקְלוּגֶער יוּנְג אוּן אַבְּרְיָה. אִיז עֶר זֵיי גִיפֶעלִין. הָאבִּין זֵיי אִים מִיט גִינוּמֶען. אִיז עֶר גִיפָארִין מִיט זֵיי אוּן הָאט זֵיי בַּאדִינְט אוֹיף דֶעם וֶועג. זֵייעֶר פַּיין. ווִי עֶר אִיז גִיקוּמֶען קֵיין

מאחר שכבר אני בווארשא למה לי להתקשר עם אלו. אולי יש מקום טוב מהם. אלך ואבקש ואראה. והלך בשוק. והתחיל לחקור ולשאול על האנשים שהביאוהו ואם יש טוב מהם. ואמרו לו. שהאנשים הללו הם הגונים וטוב להיות אצלם. אך שקשה מאוד להיות אצלם. מחמת שהמשא ומתן שלהם הוא למרחקים מאוד. הלך וראה משרתים של גוועלבין שהיו הולכים בשוק. והיו הולכים כדרכם. עם מיני חן שלהם. בכובעיהם ובמנעליהם עם הקצוות בולטות ושאר מיני חן שיש להם בהילוכיהם ובמלבושיהם והוא היה בר הבנה וחריף. וישר בעיניו מאוד. מחמת שהוא ענין נאה וגם הדבר בביתו במקומו הלך אל האנשים שהביאוהו. ונתן להם תשואות חן ואמר להם שאין נוח לפניו להיות אצלם. ועל מה שהביאוהו בעד זה שימש אותם בדרך. והלך ועמד עצמו אצל בעה"ב אחד. ודרך המשרתים שבתחילה צריכים להשכר בפחות ולעשות עבודות כבידות. ואח"כ באים למעלות המשרתים הגדולים. והיה הבעה"ב עושה עמו מלאכות כבידות. והיה שולחו לאדונים לשאת סחורה כדרך המשרתים שצריכים לכוף ידיהם תחת אציליהם להניח הבגד על בליטת היד ברוחב הכתף. והיה כבד עליו מאוד עבודה כזו. לפעמים היה צריך לעלות עם המשאוי הנ"ל על עליות

ווארשא מחמת עֶר אִיז גִיוֶועט אַבַּר הבנה. הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען. אַז אִיךְ בִּין שׁוֹן אִין ווארשא. נָאךְ וָואס זָאל אִיךְ מִיךְ הַאלְטִין בַּיי דִי סוחרים. טָאמֶער אִיז דָא אַבֶּעסֶער אָרְט פוּן זֵיי. לָאם אִיךְ גֵיין זוכִין. וֶועל אִיךְ זֶעהן. אוּן עֶר אִיז גְגַאנְגֶען אִין מַארְק. אוּן עֶר הָאט אָן גְהוֹבִּין צוּ קְלֶערִין אוּן נָאךְ צוּ פְרֶעגִין אוֹף דִי מֶענְטְשִׁן וָואס זֵיי הָאבִּין אִים גִיבְּרַאכְט. אוּן אוֹיבּ סֶע אִיז דָא אֵיין בֶּעסֶער אָרְט פוּן זֵייא. הָאט מֶען אִים גִיעֶנְפֶערְט. אַז דִי לַייט (וָואס זֵייא הָאבִּין אִים אַהֶער גְבְּרַאכְט) זֶענֶען עֶרְלִיכֶע לַייט. אוּן סֶע גוּט בַּיי זֵיי צוּ זַיין נָאר מחמת דֶעם אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער בַּייא זֵיי צוּ זַיין. מחמת זֵייעֶר משא ומתן אִיז זֵייעֶר אִין וַייטֶע עֶרְטֶער דֶער וַוייל אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען אוּן עֶר הָאט דֶער זֶעהְן גְוֶועלְבּ משרתים. ווִי זֵייא זֶענֶען גְגַאנְגֶען אִין מַארְק. אוּן זֵייא זֶענֶען גְגַאנְגֶען אַזוֹ ווִי זֵייעֶר שְׁטֵייגֶער אִיז. מִיט זֵייעֶרֶע חן. מִיט זֵייעֶרֶע הִיטְלֶךְ אוּן מִיט דִי שְׁפִּיצִיקֶע שִׁיךְ אוּן מִיט דִי אִיבְּרִיקֶע חן. וָואס זֵיי הָאבְּן אִין זֵייעֶר גַאנְג. אוּן ווִי זֵייגֵייעְן אָוגִיטָאן. אוּן עֶר אִיז גֶוֶועט אַבַּר הבנה אוּן אַקְלוּגֶער יוּנְג. אִיז אִים דִי זַאךְ זֵייעֶר גִיפֶעלִין מחמת סֶע אִיז אַשֵׁיינֶע זַאךְ. אוּן סֶע אִיז אִין דֶער הֵיים אוֹיךְ אֵיין אָרְט. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען צוּ דִי מֶענְטְשִׁן וָואס זֵיי הָאבִּין אִים גְבְּרַאכְט. אוּן הָאט זֵיי אָפּ גְדַאנְקְט. אוּן הָאט צוּ זֵיי גְזָאגְט. אַז סֶע פַּאר אִים נִיט גוּט בַּיי זֵיי צוּ זַיין. אוּן דָאס וָואס זֵיי הָאבִּין אִים גִיפִירְט אַהֶער דֶער פַּאר הָאט עֶר זֵיי בַּאדִינְט אוֹף דֶעם וֶועג. אוּן עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט זִיךְ גְשְׁטֶעלְט בַּייא אַבעל הבית. אוּן דֶער סדר פוּן דִי משרתים. אַז פְרִיר מוּז מֶען זַיין אֵיין הוּנְטֶער משרת. אוּן מֶען מוּז טָאן שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט. אוּן מְנֶעמְט וֶוויינִיג שׂכירות. דֶער נָאךְ וֶוערְט מֶען עֶרְשְׁט אֵיין אֵייבֶּער משרת. הָאט דֶער בעל הבית גְטָאן מִיט אִים שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט. אוּן פְלֶעגְט אִים שִׁיקִין צוּא שׂררות עֶר זָאל טְרָאגִין סחורה אַזוֹ ווִיא דֶער סדר אִיז פוּן משרתים. וָואס זֵיא טְרָאגְן גְוַואנְט אוֹף דֶעם עֶלִינְבּוֹגִין. אִיז אוֹף אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער גְוֶוען דִי אַרְבֶּעט אַמָאל הָאט עֶר בַּדַארְפְט אַרוֹף גֵיין מִיט דֶער סחורה. אוֹף אַהוֹכְן גָארִין. אִיז דִיא אַרְבֶּעט אוֹף אִים שְׁוֶוער גְוֶוען. הָאט עֶר זִיךְ מייַשב גְוֶוען. וָוארִין עֶר אִיז זִיךְ גְוֶוען אַפִילוּסוֹף

עצמו אצל שטיין שניידיר ומחמת הבנה שלו קיבל אומנות הזאת ג"כ בזמן מועט ברבע שנה. אח"כ יישב עצמו עם הפילוסופיא שלו. גם שיש בידי ב' האומנות מי יודע פן לא יוחשבו שניהם. טוב לי ללמוד אומנות שהיא חשובה לעולם. וחקר בהבנה ופילוסופיא שלו ללמוד דאקטירייא שהוא דבר הצריך וחשוב תמיד. ודרך לימוד דאקטיריי שצריכין ללמוד מקודם לשון לַטיין והכתב וללמוד חכמות פילוסופיא. והוא מחמת הבנתו למד גם זאת בזמן מועט ברבע שנה. ונעשה דאקטיר גדול ופילוסוף וחכם בכל החכמות. אח"כ התחיל העולם להיות בעיניו כלא. כי מחמת חכמתו שהיה אומן גדול כזה. וחכם ודאקטיר כזה. היה כ"א מבני העולם בעיניו כלא. ויישב עצמו לעשות לו תכלית ולישא אשה ואמר בדעתו. אם אשא אשה בכאן. מי ידע מה שנעשה ממני. אלך ואשוב לביתי. למען יראו מה שנהיה ממני שהייתי נער קטן ועכשיו באתי לגדולה כזו. והלך ונסע לביתו. והיה לו ייסורין גדולים בדרך כי מחמת חכמתו לא היה לו עם מי לדבר. ולא היה מוצא אכסניא כרצונו והיה לו יסורים הרבה.

והנה נשליך כעת את מעשה החכם. ונתחיל לספר במעשה התם.

התם הנ"ל למד מלאכת רצענות. ומחמת שהיה תם למד הרבה עד שקיבל. ולא היה בקי בהאומנות בשלימות ונשא אשה והיה מתפרנס מן המלאכה.

בכן אִיז פַאר מִיר גוּט. אַז אִיךְ זָאל מִיךְ לֶערְנֶען אַזוֹ אַמלאכה וָואס זִיא זָאל תָּמִיד חָשׁוּב זַיין. הָאט עֶר גְקְלֶערְט מִיט זַיין הבנה אוּן מִיט זַיין פלוּספיא. אַז עֶר זָאל זִיךְ לֶערְנֶען דָאקְטִירַייא. וָוארִין דָאס אִיז אַזַאךְ וָואס מְדַארְף תָּמִיד אוּן סֶע אִיז תָּמִיד חָשׁוּב. אוּן דֶער סדר אִיז. אַז מְוִויל זִיךְ לֶערְנֶען דָאקְטִירַיי. מוּז מֶען זִיךְ פְרִיר לֶערְנֶען לִיטֵיינִישׁ דָאס לָשׁוֹן אוּן דָאס כתב. אוּן מְמוּז לֶערְנֶען פלוּספיא. אוּן עֶר מחמת זַיין הבנה (דהיינו פַאר שְׁטַאנְדִיקֵייט) הָאט עֶר דָאס אוֹךְ אוֹיס גְלֶערִינְט אִין אַקְלֵיינֶער צַייט. אִין אַפֶערְטִיל יָאר אוּן עֶר אִיז גְוָוארִין אַגְרוֹסֶער דָאקְטֶער אוּן אַפִילוֹסוֹף. אוּן אַחכם אִין אַלֶע חכמות. דֶער נָאךְ הָאט בַּיי אִים אָן גְהוֹבִּין דִי וֶועלְט וֶוערִין כלא (כלומר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז בַּיי אִים גְוֶוען גָאר נִישְׁט) דהיינוּ עֶר הָאט גְהַאלְטְן אַז קֵיינֶער הָאט קֵיין שֵׂכל נִיט. וָוארִין מחמת זַיין חכמה. וַוייל עֶר אִיז גְוֶוען אַזוֹ אֵיין גרוֹסֶער בַּעל מלאכה. אוּן אַזוֹ אַחכם אוּן אַזוֹ אַדָאקְטֶער. אִיז אִיטְלִיכֶער פוּן דֶער וֶועלְט בַּיי אִים גְוֶוען כלא (גְלַייךְ וִויא נִישְׁט) אוּן עֶר הָאט זִיךְ מיישב גְוֶוען. עֶר וֶועט זִיךְ שׁוֹן מַאכִין אַתכלית. אוּן וֶועט נֶעמֶען אַוַייבּ. הָאט עֶר זִיךְ גְטְרַאכְט אִין דֶער דעה. אַז אִיךְ וֶועל דָא חתונה הָאבִּין. וֶוער וֶועט וִויסִין. וָואס פוּן מִיר אִיז גִיוָוארִין. לָאם אִיךְ מִיךְ בֶּעסֶער אוּם קֶערִין אַהֵיים. כדי מֶען זָאל זֶעהִן וָואס פוּן מִיר אִיז גִיוָוארִין. אִיךְ בִּין אַוֶועק אַקְלֵיין יוּנְגִיל. אוּן הַיינְט בִּין אִיךְ גְקוּמֶען צוּ אַזוֹ אֵיין גְדוּלָה. אוּן עֶר הָאט זִיךְ אוֹף גְהוֹבִין אוּן אִיז גְפָארִין אַהֵיים. אוּן עֶר הָאט גְהַאט גְרוֹסֶע יְסוּרִים אוֹף דֶעם וֶועג וָוארִין מחמת זַיין חכמה. הָאט עֶר מִיט קֵיינֶעם נִיט גְהַאט צוּ שְׁמוּסְן. אוּן עֶר הָאט נִיט גְהַאט קֵיין אַרְבִּירִיק אַזוֹ וִוי עֶר וִויל. הָאט עֶר גְהַאט אַלְץ גְרוֹסֶע יְסוּרִים תָּמִיד.

דֶער וַוייל לָאמִיר אַוֶועק לֵייגִין דִי מַעֲשֶׂה פוּן דֶעם חכם. מִיר וֶועלִין אָן הֵייבִּין דֶער צֵיילִין דִי מעשׂה פוּן דֶעם תָּם. דֶער תּם הָאט זִיךְ גְלֶערְנְט שׁוּסְטִירַיי. אוּן מחמת עֶר אִיז גְוֶוען אַתָּם. הָאט עֶר גְמוּזְט זִיךְ אַסַךְ לֶערְנֶען דִי מלאכה בִּיז עֶר הָאט מקבל גְוֶוען. אוּן הָאט דִיא מלאכה

הגבוהות. והיה קשה עליו העבודה. ויישב עצמו כי היה פילוסף בר הבנה. מה לי לעבודה זו. הלא העיקר הוא רק בשביל התכלית לישא אשה ולהתפרנס. עדיין איני צריך להסתכל על זה. על זה יהיה פנאי להבא בשנים הבאות. כעת טוב לי להיות משוטט בארץ להיות במדינות להשביע עיני בעולם. הלך בשוק וראה שנוסעים בעגלה גדולה סוחרים. ושאל אותם להיכן אתם נוסעים. ללאגורנא. התקחו אותי לשם. הן. וקבלו אותו לשם. ומשם הפליג לאטליא. משם לשפאניא. בין כך ובין כך עברו כמה שנים. ועי"ז נעשה עוד חכם יותר מאחר שהיה במדינות רבות. ויישב עצמו. כעת ראוי להביט על התכלית. והתחיל לחשוב עם פילוסופיא שלו מה לעשות.

וישר בעיניו ללמוד מלאכת צורף (בזהב) שהיא מלאכה גדולה ונאה ויש בה חכמה. וגם היא מלאכה עשירה. והוא היה בר הבנה ופילוסף ולא הוצרך ללמוד המלאכה כמה שנים. רק ברבע שנה קבל את האומנות ונעשה אומן גדול מאוד והיה בקי במלאכה יותר מן האומן שלמדו. אח"כ יישב עצמו. אעפ"י שיש בידי מלאכה כזו. אעפ"כ אין די לי בזה. היום חשוב זאת פן בזמן אחר יוחשב דבר אחר. והלך והעמיד

אַבר הבנה. וָואס טוֹג מִיר דִיא אַרְבֶּעט. דֶער עיקר אִיז זִיךְ נָאר פוּן דֶעם תכלית וֶועגִין. אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען חתונה הָאבְּן אוּן זָאל מִיךְ קֶענֶען מפרנס זַיין. אִיךְ בַּדַארְף נָאךְ דְרוּף נִיט צוּא קוּקִין. דְרוּף וֶועט צַייט זַיין שְׁפֶּעטֶער. דֶער וַוייל. וֶועל אִיךְ מִיר בֶּעסֶער אוֹיס זַיין אַוֶועלְט. אוּן וֶועל אָן קוּקִין מדינות. אִיז עֶר גְגַאנְגֶען אִין מַארְק. אוּן הָאט גְזֶעהְן סֶע פָארִין סוחרים אוֹיף אַגְרוֹסֶער בְּרִיקֶע. הָאט עֶר זֵייא גְפְרֶעגְט. וואוּ הִין פָארְט אִיר. הָאבְּן זֵיי גִיעֶנְפֶרְט. קֵיין לאגורנא. הָאט עֶר זֵיי גְפְרֶעגְט וֶועט אִיר מִיךְ נֶעמֶען אַהִין. הָאבְּן זֵייא אִים גְעֶנְפֶרְט. יוֹא. הָאבְּן זֵייא אִים גְנוּמֶען אַהִין. פוּן דָארְט הָאט עֶר זִיךְ אַוֶועק גְלָאזְט קֵיין אטליא. פוּן אטליא הָאט עֶר זִיךְ וַוייטֶער אַוֶועק גְלָאזְט קֵיין שְׁפאניא. דֶער וַוייל זֶענֶען אַוֶועק גְגַאנְגֶען כמה יָארִין. אוּן עֶר אִיז גְוָוארִין נָאךְ מֶער חכם. מחמת עֶר אִיז גְוֶוען אִין אַסַךְ מדינות. הָאט עֶר זִיךְ מיישב גְוֶוען. הַיינְט בַּדַארְף מֶען שׁוֹן קוּקִין אוֹיף אֵיין תכלית אוּן עֶר הָאט אָן גְהוֹבּעְן צוּא טְרַאכְטְן מִיט זַיין פִילוּסוֹפִיא (כלומר מִיט זַיין חכמה) וָואס עֶר זָאל טָאן. אִיז אִים גְפֶעלִין אַז עֶר זָאל זִיךְ לֶערְנֶען גָאלְד אַרְבֵּייט. וָוארִין סֶע אִיז אַגְרוֹיסֶע מְלָאכה אוּן סֶע אִיז אַשֵׁיינֶע מלאכה אוּן סֶע דְרִינֶען גְרוֹס חכמה. אוּן סֶע אִיז אַרַייכֶע מלאכה אוּן מחמת עֶר אִיז גְוֶוען אַבר הבנה אוּן אַפִלוּסוֹף. הָאט עֶר נִיט בַּדַארְפְט זִיךְ לֶערְנֶען דִי מלאכה כַּמָה שָׁנִים. נָאר אִין אַפֶערְטִיל יָאר הָאט עֶר מקבל גְוֶוען דִי מלאכה. אוּן אִיז גְוָוארִין זֵייעֶר אַגְרוֹסֶער בעל מלאכה. אוּן עֶר הָאט גִיקֶענְט דִי מלאֹכה בֶּעסֶער אֵיידֶער דֶער וָואס עֶר הָאט אִים אוֹיס גְלֶערִינְט. דֶער נָאךְ הָאט עֶר זִיךְ מיישב גְוֶוען. חָאטְשֶׁע אִיךְ הָאבּ אַזוֹ אַמלאכה. אִין דֶער הַאנְט. פוּן דֶעסְט וֶועגְן פָארְט וִיל אִיךְ מִיךְ דֶער מִיט נִיט בַּאנוּגִין. וָוארִין הַיינְט אִיז חָשׁוּב דָאס. טָאמֶער אַנַאנְדֶערֶע צַייט וֶועט עֶפֶּעס אַנְדֶערשׁ חשוב זַיין. אוּן אִיז גְגַאנְגֶען אוּן הָאט זִיךְ גְשְׁטֶעלְט בַּיי אַשְׁטֵיין שְׁנַיידֶער. אוּן מחמת זַיין חכמה הָאט עֶר דִיא מלאכה. אוֹיךְ מקבל גְוֶוען אִין אַקְלֵיינֶער צַייט. אִין אַפֶּערְטִיל יָאר. דֶער נָאךְ הָאט עֶר זִיךְ מיישב גְוֶוען מִיט זַיין פִלוּסוֹפִיא. חָאטְשֶׁע אִיךְ הָאבּ אִין דֶער הַאנְט צְוֵויי מלאכות. וֶוער וֵוייסְט טָאמֶער וֶועלְן בֵּיידֶע נִיט חָשׁוּב זַיין.

תמימותו ושמחתו הגדולה. וכן היה מצוה. אשתי תן לי שכר לשתות ונתנה לו מים. והיה משבח כמה יפה השכר הזה. תן לי דבש ונתנה לו מים והיה משבח ג״כ כנ״ל. תן לי יין וכו׳ כיוצא בזה ונתנה לו מים והיה מתענג ומשבח אותו המשקה כאלו הוא שותה אותה ממש. וכן במלבושים היה להם בשותפות לו ולאשתו פעלץ אחד. והיה אומר אשתי תן לי הפעלץ. כשהיה צריך ללבוש פעלץ כגון לילך לשוק. והיתה נותנת לו. כשהיה צריך ללבוש טוליפ לילך בין אנשים. היה אומר. אשתי תן לי הטוליפ והיתה נותנת לו הפעלץ. והיה מתענג ממנו והיה משבח כמה יפה הטוליפ הזה. כשהיה צריך לקאפטין כגון לילך לבהכ״נ היה מצוה ואומר. אשתי תן לי הקאפטין והיתה נותנת לו הפעלץ. והיה משבח אומר כמה יפה ונאה הקאפטין הזה וכן כשהיה צריך ללבוש יופא. היתה נותנת לו ג״כ הפעלץ. והיה משבח ומתענג ג״כ כמה יפה ונאה היופא הזאת כנ״ל וכן בכיוצא בזה. והיה רק מלא שמחה וחדוה תמיד. כשהיה גומר המנעל. ומן הסתם היה לו ג׳ קצוות. כי לא היה יכול האומנות בשלימות כנ״ל. היה לוקח המנעל בידו. והיה משבח אותו מאוד והיה מתענג מאוד ממנו. והיה אומר. אשתי כמה יפה ונפלא המנעל הזה. כמה מתוק המנעל הזה. כמה מנעל של דבש וצוקיר המנעל הזה. והיתה שואלת אותו. א״כ מפני מה שארי ר׳צענים נוטלים ג׳ זהובים בעד זוג מנעלים ואתה לוקח רק חצי טאליר. (היינו זהב וחצי)

הָאט גְלוֹבְּט דִיא משקה גְלַייךְ וִויא עֶר טְרִינְקְט זִיא. אוּן אַזוֹ אִין מַלְבּוּשִׁים. אִיז אוֹיךְ אַזוֹ גֶעוֶוען. עֶר מִיט זַיין וַוייבּ הָאבִּין בֵּיידֶע גְהַאט אֵיין פֶּעלְץ אַז עֶר הָאט בַּדַארְפְט אַפֶּעלְץ דְהַיְינוּ אִין מַארְק צוּא גֵיין. פְלֶעגְט עֶר זָאגִין מַיין וַוייבּ. גִיבּ מִיר דֶעם פֶּעלְץ. הָאט זִי אִים גִיגִיבְּן. אַז עֶר הָאט בַּדַארְפְט אַטוּלִיפּ גֵיין צְוִוישְׁן לַייט. הָאט עֶר גְזָאגְט. מַיין וַוייבּ גִיבּ מִיר דֶעם טוּלִיפּ. הָאט זִיא אִים גִיגִיבְּן דֶעם פֶּעלְץ. פְלֶעגְט עֶר גְרוֹס תַּעֲנוּג צוּ הָאבִּין. אוּן פְלֶעגְט לוֹבִּין. וָואס פַאר אֵיין וואוֹלְקַייט דֶער טוּלִיפּ אִיז. אַז עֶר הָאט בַּדַארְפְט אֵיין קַאפְּטִין אִין שׁוּל אַרַיין צוּ גֵיין. הָאט עֶר גְהֵייסִין אוּן הָאט גְזָאגְט. מַיין וַוייבּ גִיבּ מִיר דֶעם קַאפְּטִין. הָאט זִיא אִים גִיגִיבְּן דֶעם פֶּעלְץ. פְלֶעגְט עֶר צוּ לוֹבִּין אוּן הָאט גְזָאגְט וָואס פַאר אַפֵּיינְקֵייט אוּן וָואסִיר אַשֵׁיינְקֵייט דֶער קַאפְּטִין אִיז. אוּן אַזוֹ אַז עֶר הָאט בַּדַארְפְט אָן טָאן אַיוּפָּא. הָאט זִי אִים אוֹיךְ גִיגִיבְּן דֶעם פֶּעלְץ פְלֶעגְט עֶר אוֹיךְ לוֹבִּין אוּן הָאט תַּעֲנוּג גִיהַאט וָואסִיר אַפֵּיינְקֵייט אוּן וָואסִיר אַשֵׁיינְקֵייט דִי יוּפָּא אִיז. אוּן אַזוֹ בַּיי אַלֶע זַאכִין אוּן עֶר אִיז פוּל גֶעוֶען מִיט שִׂמְחָה אוּן פְרֵייד אוּן לוּסְטִיג תָּמִיד. אַז עֶר הָאט שׁוֹן גְמַאכְט דֶעם שׁוּךְ. אוּן מִן הַסְּתָם הָאט דֶער שׁוּךְ גְהַאט דְרַיי עֶקִין וָוארִין עֶר הָאט זִיךְ דִיא מלאכה נִיט גֶקֶענְט אִין גַאנְצִין פְלֶעגְט עֶר נֶעמֶען דֶעם שׁוּךְ אִין דֶער הַאנְט אַרַיין אוּן הָאט אִים זֵייעֶר גְלוֹבְּט. אוּן עֶר הָאט גְרוֹס תַּעֲנוּג גְהַאט פוּן אִים. אוּן פְלֶעגְט זָאגִין. מַיין וַוייבּ. וָואסִיר אַשֵׁיינְקֵייט אוּן וָואסִיר אַוואוֹלְקֵייט דָאס שִׁיכְלֶע אִיז. וָואסִיר אַזִיסְקֵייט דָאס שִׁיכֶעלֶע אִיז. וָואסִיר אַהָאנִיקְדִיק. וָואסִיר אַצוּקִירְדִיק שִׁיכְלֶע דָאס אִיז. הָאט זִי אִים גְפְרֶעגְט. אַז עֶס אִיז יוֹא אַזוֹ פַאר וָואס אַנְדֶערֶע שׁוּסְטִירְס נֶעמֶען דְרַיי גוּלְדֶן פַאר אַפָּאר שִׁיךְ. אוּן דוּ נֶעמְסְט נָאר אַהַלְבִּין טָאלֶער. (דהיינו אגוּלדן מִיט אַהַלְבִּין) הָאט עֶר גֶעֶנְפֶרְט. וָואס הָאט דָאס צוּ מִיר. דָאס אִיז יֶענֶעמְס מעשׂה. אוּן דָאס אִיז מַיין מעשׂה. אוּן ווִידֶער וָואס הָאבִּין מִיר צוּ שְׁמוּסִין פוּן אַנְדֶערֶע לַייט. לָאמִיר נָאר אָן הֵייבִּין בַּרֶעכֶנֶען וִויפִיל



105

ומחמת שהיה תם ולא היה בקי בהמלאכה כ״כ ע״כ היה פרנסתו בדוחק גדול ובצמצום. ולא היה לו פנאי אפילו לאכול כי היה צריך תמיד לעסוק במלאכה מחמת שלא היה יכול האומנות בשלימות. רק בשעת המלאכה בשעה שהיה נוקב במרצע והיה מכניס ומוציא החוט העב של התפירה כדרך הרצענים אז היה נושך חתיכת לחם ואוכל. ומנהגו היה שהיה תמיד בשמחה גדולה מאוד והיה רק מלא שמחה תמיד. והיו לו כל המאכלים וכל המשקות וכל המלבושים. והיה אומר לאשתו. אשתי תן לי לאכול. והיתה נותנת לו חתיכת לחם ואכל. אח״כ היה אומר תן לי הרוטב עם קטנית והיתה חותכת לו עוד חתיכת לחם ואכל. והיה משבח ואומר כמה יפה וטוב מאוד הרוטב הזה וכן היה מצוה ליתן לו הבשר ושאר מאכלים טובים כיוצא בזה. ובעד כל מאכל ומאכל היתה נותנת לו חתיכת לחם והוא היה מתענג מאוד מזה ושיבח מאד את אותו המאכל כמה הוא מתוקן וטוב כאלו היה אוכל אותו המאכל ממש. ובאמת היה מרגיש באכילתו הלחם טעם כל מאכל ומאכל שהיה רוצה. מחמת

נִיט גְקֶענְט אִין גַאנְצִין. אוּן עֶר הָאט גְנוּמֶען אַוַוייבּ. אוּן עֶר הָאט זִיךְ מפרנס גְוֶוען פוּן דֶער מלאכה. אוּן מחמת עֶר אִיז גְוֶוען אַתָּם אוּן עֶר הָאט דִי מלאכה נִיט גִיקֶענְט אַזוֹ וִוי מֶען בַּדַארְף. מחמת דֶעם. אִיז זַיין פּרנסה גְוֶוען מִיט גְרוֹס דוחק אוּן זֵייעֶר בְּצִמְצוּם. אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גְהַאט צַייט אַפִּילוּ צוּא עֶסִין. וָוארִין עֶר הָאט תָּמִיד גְמוּזְט אַרְבֶּעטִין. מחמת עֶר הָאט נִיט גְקֶענְט דִי מלאכה אִין גַאנְצִין. נָאר בּשעת עֶר הָאט גִיאַרְבֶּעט אַז עֶר הָאט אַיין גְשְׁטֶעקְט דִיא נָאל אוּן הָאט דוּרְךְ גִינוּמֶען דִי דְרַאטְווִיא. דֶעמוּלְט הָאט עֶר אַבִּיס גְטָאן אַשְׁטִיק בְּרוֹט אוּן הָאט גְגֶעסִין. אוּן זַיין שְׁטֵייגֶער אִיז גְוֶועז. עֶר אִיז תָּמִיד פְרֵיילִיךְ גְוֶועז. אוּן עֶר אִיז גְוֶועז נָאר אִין שִׂמְחָה תָּמִיד. אוּן עֶר הָאט גְהַאט אַלֶע מאכלים אוּן אַלֶע משקאוֹת אוּן אַלֶע מַלְבּוּשִׁים. עֶר פְלֶעגְט זָאגִין צוּם וַוייבּ. מַיין וַוייבּ. גִיבּ מִיר עֶסִין הָאט זִי אִים גִיגֶעבְּן אַשְׁטִיק בְּרוֹט. הָאט עֶר גְגֶעסְן. דֶער נָאךְ הָאט עֶר גְזָאגְט. גִיבּ מִיר דִיא יוֹךְ מִיט קַאשֶׁע. הָאט זִיא אִים אָפּ גִישְׁנִיטְן נָאךְ אַשְׁטִיק בְּרוֹט אוּן עֶר הָאט גְגֶעסִין. אוּן הָאט זֵייעֶר גְלוֹבְּט אוּן עֶר הָאט גְזָאגְט. וָואס פַאר אַגוּטְקֵייט אוּן וָואס פַאר אַוואוּלְקֵייט דִיא יוֹךְ אִיז. אוּן אַזוֹ הָאט עֶר זִיךְ גְהֵייסִין גִיבִּין פְלֵייש. הָאט זִי אִים וִוידֶער גִיגִיבְּן בְּרוּיט. הָאט עֶר גְגֶעסִין. אוּן הָאט אוֹיךְ זֵייעֶר גְלוֹבְּט אוּן הָאט גִיזָאגְט וָואס פַאר אַוואוּלְקֵייט דָאס פְלֵייש אִיז. אוּן אַזוֹ אַנְדֶערֶע מאכלים גוּטֶע הָאט עֶר זִיךְ אַלְץ גְהֵייסִין גִיבְּן אוּן פַאר אִיטְלִיכְן מאכל וָואס עֶר הָאט זִיךְ גְהֵייסִין גִיבִּין הָאט זִיא אִים אַלְץ גִיגִבְּן אַשְׁטִיק בְּרוֹט. אוּן עֶר הָאט דֶער פוּן זֵייעֶר גְרוֹס תַּעֲנוּג גְהַאט אוּן הָאט זֵייעֶר גְלוֹבְּט דָאס גְרֶעכְט. וָואס פַאר אַגוּטְקֵייט סֶע אִיז גְלַייךְ וִויא עֶר וָואלְט עֶס ממש גְגֶעסִין. וָוארִין עֶר פְלֶעגְט טַאקֶע באמת פִילְן אִין דֶעם בְּרוֹט וָואס עֶר הָאט גְגֶעסִין דֶעם טעם פוּן כל המאכלים וָואס עֶר הָאט גְוָואלְט. מחמת זַיין גְרוֹס תְּמִימוּת אוּן זַיין פְרֵיילִיכְקַייט הָאט עֶר גְפִילְט דֶעם טעם אִין בְּרוֹט גְלַייךְ וִוי עֶר עֶסְט כָּל המאכלים. אוּן אַזוֹ פְלֶעגְט עֶר זָאגִין. מַיין וַוייבּ. גִיבּ מִיר אַטְרוּנְק בִּיר. הָאט זִיא אִים גִיגִיבְּן וַואסֶער. פְלֶעגְט עֶר לוֹבִּין וָואס פַאר אַוואוּלְקֵייט דָאס בִּיר אִיז. נָאךְ דֶעם הָאט עֶר גִיהֵיסִין גִיבּ מִיר מֶעד. הָאט זִי אִים גִיגִיבְּן וַואסֶער הָאט עֶר אוֹיךְ אַזוֹ גִילוֹבְּט. וָואס פַאר אַגוּטֶער מֶעד דָאס אִיז. גִיבּ מִיר וַויין אָדֶער אַנְדֶערֶע משקאוֹת. הָאט זִיא אִים אַלְץ גִיגִיבְּן וַואסֶער. אוּן עֶר הָאט תענוג גְהַאט אוּן

השיב לה. מה לי בזה. זה מעשה שלו. וזה מעשה שלי. ועוד למה לנו לדבר מאחרים. הלא נתחיל לחשוב כמה וכמה אני מרויח במנעל זה מיד ליד. העור הוא בכך. הזפת והחוטים וכו׳ בכך. ושארי דברים כיוצא בזה בכך. לאפקיס בכך. ועתה אני מרויח מיד ליד עשרה גדולים. ומה איכפת לי רווח כזה מיד ליד. והיה רק מלא שמחה וחדוה תמיד. ואצל העולם היה ללעג. והשיגו תאוותם בו שמצאו ממי להתלוצץ כרצונם כי היה נדמה למשוגע. והיו באים בני אדם והתחילו בכוונה לדבר עמו. בשביל להתלוצץ. והיה אותו התם אומר. רק בלי ליצנות. ותיכף שהשיבו לו בלי ליצנות קיבל דבריהם. והתחיל לדבר עמם. כי יותר לא היה רוצה להעמיק לחשוב חכמות שגם זה בעצמו ליצנות. כי היה איש תם. וכשהיה רואה שכוונתם לליצנות היה אומר מה יהיה כשתהיה חכם ממני. הלא אזי תהיה שוטה. כי מה אני נחשב. וכשתהיה חכם ממני אדרבא אזי תהיה שוטה. (כל זה היה דרכי התם. ועתה נחזור לענין ראשון) בתוך כך נעשה רעש. שהחכם הנ״ל נוסע ובא לכאן. בגדולה וחכמה גדולה. ורץ התם ג״כ לקראתו בשמחה גדולה והיה אומר לאשתו. תן לי מהר היופא אלך לקראת חבירי ידידי לראותו. ונתנה לו הפעלץ. והיה רץ לקראתו. והחכם היה נוסע

אִיךְ גְוִוין דָא אִין דֶעם שִׁיכעל מִיַד לְיַד. דִיא לֶעדֶער קָאסְט מִיךְ אַזוֹ פִיל. זִיוְויצֶע אוּן דְרַאטְוִויס קָאסְט אַזוֹ פִיל. לַאפְּקִיס אַזוֹ פִיל אוּן אַזוֹ אַנְדֶרֶע זַאכִין אַזוֹ פִיל. הַיינְט גְיוִוין אִיךְ מִיַד לְיַד צֶעהְן גְרָאשִׁין. נָא וָואס אַיירְט עֶס מִיךְ אַזוֹ אַרֶוַוח מִיַד לְיַד. אוּן עֶר אִיז גְוֶועוְן נָאר פְּרֵיילִיךְ אוּן לוּסְטִיק תָּמִיד. אוּן בַּייא דֶער וֶועלְט אִיז עֶר גִיוֶועוְן אַגְשְׁפֶּעט. אוּן זֵייא הָאבְן דָא גִיקְרִיגְן וָואס זֵייא ווִילִין. וָוארִין זֵיי הָאבִין דָא גִיהַאט אוּס וֶועמֶען צוּ שְׁפֶּעטִין אַזוֹ וִוי זֵיי הָאבְן גְוָואלְט. וָוארִין עֶר הָאט אַפְּנִים גְהַאט בַּיי זֵיי וִויא אַמְשׁוּגֶענֶער. פְלֶעגִין מֶענְשֶׁן קוּמֶען. אוּן הָאבִין אִין מִיסְטְנֶע אָן גִיהוֹבִּין מִיט אִים צוּ שְׁמוּסִין. כְּדֵי זֵיי זָאלִין הָאבְן עֶפֶּעס צוּ שְׁפֶּעטִין. אוּן דֶער תָּם פְלֶעגְט זֵיי צוּ זָאגִין נָאר אָן לֵיצָנוּת. אוּן תֵּיכֶף וִוי מֶען הָאט אִים גִיעֶנְפֶרְט אָן לֵיצָנוּת. הָאט עֶר זֵיי צוּ גְהֶערְט. אוּן הָאט אָן גִיהוֹבִּין מִיט זֵיי צוּ שְׁמוּסִין. וָוארִין וַוייטֶער. הָאט עֶר נִיט גְוָואלְט אִיבֶּער טְרַאכְטְן חכמות. טָאמֶער אִיז דָאס אַלֵיין לֵיצָנוּת. וָוארִין עֶר אִיז גְוֶועוְן אַתָּם. אוּן אַז עֶר הָאט פָּארְט גִיזֶעהְן אַז זֵייא מֵיינֶען לֵיצָנוּת. פְלֶעגְט עֶר זָאגִין וָואס וֶועט זַיין אַז דוּא וֶועסְט שׁוֹן קְלוּגֶער זַיין פוּן מִיר. וֶועסְטוּ זִיךְ עֶרְשְׁט זַיין אַנַאר. וָוארִין וָואס טְרֶעף אִיךְ אָן. אוּן אַז דוּ וֶועסְט שׁוֹן פוּן מִיר קְלוּגֶער זַיין וֶועסְטוּ זִיךְ עֶרְשְׁט זַיין אַנַאר. (אַזוֹ אִיז אַלְץ גְוֶועוְן דֶער שְׁטֵייגֶער פוּן דֶעם תָּם. הַיינְט וֶועלְן מִיר ווִידֶער דֶער צֵיילְן פוּן דֶעם חכם) דֶער וַוייל אִיז גְוָוארְן אַרַעשׁ אַז דֶער חכם פָּארְט. אוּן עֶר קוּמְט אָן מִיט גְרוֹס גדולה אוּן מִיט גְרוֹס חכמה. אִיז דֶער תָּם אוֹיךְ גְלָאפִין אִים אַקֶעגִין מִיט גְרוֹס שִׂמְחָה. אוּן הָאט גִיזָאגְט צוּם וַוייבּ. גִיבּ מִיר גִיךְ דִיא יוּפָּא לָאם אִיךְ גֵיין אַקֶעגִין מַיין לִיבְּן חבר לָאם אִיךְ אִים זֶעהְן. הָאט זִי אִים גְגֶעבְּן דֶעם פֶּעלְץ. אִיז עֶר אִים אַקֶעגִין גִילָאפִין. אוּן דֶער חכם אִיז גִיפָארִין אִין אַקַארְטֶע. מִיט גְרוֹסְקֵייט. אִיז אִים גִיקוּמֶען אַקֶעגִין דֶער תָּם. אוּן הָאט אִים גְגֶעבִּין שָׁלוֹם מִיט שִׂמְחָה מִיט גְרוֹס לִיבְּשַׁאפְט. (אוּן הָאט צוּ אִים גְזָאגְט) מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער וָואס טוּסְטוּ. גְלוֹבְּט

בעגלות צב בגדולה. ובא לקראתו התם הזה והיה שואל בשלומו באהבה בשמחה. אחי חביבי מה אתה עושה ברוך המקום שהביאך ואני זוכה לראותך. והחכם הנ״ל גם כל העולם היה בעיניו כלא כנ״ל. מכ״ש איש כזה שנדמה למשוגע. אך אעפ״כ מחמת אהבת נעורים הגדולה שהיה ביניהם. היה מקרבו ונסע עמו לתוך העיר. והשני בעלי בתים הנ״ל אביהם של אלו הב׳ בנים. מתו בתוך אותו הזמן שהיה החכם משוטט במדינות ונשארו הבתים שלהם. והתם שהיה במקומו נכנס לבית אביו וירשו. והחכם שהיה במדינות לא היה מי לקבל הבית. ונעשה כלה ואבוד בית החכם ולא נשאר ממנו כלום. ולא היה להחכם מקום ליכנס בו בבואו. ונסע לתוך אכסניא אחת. והיה לו שם יסורים כי לא היתה האכסניא כרצונו. והתם הנ״ל מצא לו עתה עובדא חדשה והיה רץ ובא בכל פעם מביתו להחכם באהבה בשמחה. והיה רואה שיש לו יסורין מהאכסניא. ואמר התם להחכם אחי עול לביתי. ותעמוד אצלי. ואני אקבץ כל מה שיש לי בקומץ אחד. וכל ביתי הכל לפניך כרצונך. וישר בעיני החכם. ונכנס לביתו. ועמד אצלו. והחכם היה מלא יסורים תמיד, כי הניח שם שהוא חכם מופלג ואומן ודאקטיר גדול מאד.(1)והיה בא שר אחד. וצוה לו שיעשה לו טבעת

אִיז גָאט וָואס עֶר הָאט דִיךְ גְבְּרַאכְט אוּן אִיךְ בִּין זוכה דִיךְ צוּ זֶעהְן. אוּן דֶער חכם קוּקְט אִים אָן. בַּיי אִים אִיז זִיךְ דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אוּךְ גְוֶועז גָאר נִישְׁט (אַזוֹ וִוי אוֹבְן אִיז גְשְׁטַאנֶען. אַז אַלֶע מֶענְשְׁן פוּן דֶער וֶועלְט הָאבִין בַּיי אִים גָאר נִיט אָן גְטְרָאפְן. וָוארִין עֶר אִיז בַּיי זִיךְ קְלוּגֶער גְוֶוען פוּן גָאר דֶער וֶועלְט) מכל שכן. אַזוֹ אַמֶענְשׁ. וָואס עֶר הָאט אַפּנים וִוי מְשׁוּגָע. נָאר פוּן דֶעסְט וֶועגִין פָארְט מחמת דִיא אהבה פוּן דֶער יוּגְנְט וָואס זֵיי הָאבִין זִיךְ זֵייעֶר לִיבּ גְהַאט. הָאט עֶר אִים מקרב גְוֶוען. אוּן עֶר אִיז מִיט אִים גְפָארִין אִין שְׁטָאט אַרַיין. אוּן דִיא צְוֵויי בעלי בתים דִי פֶעטֶער פוּן דִיא צְוֵויי קִינְדֶער (דהיינו פוּן דֶעם חכם אוּן פוּן דֶעם תם) זֶענֶען זֵיי גְשְׁטָארְבְן. אִין דֶער צַייט וָואס דֶער חכם אִיז אוּסִין גִיוֶוען אִין מדינות. אוּן הָאבִין אִיבֶּער גִילָאזְט זֵייעֶרֶע הַייזֶער. דֶער תם אִיז גְוֶוען אוּף זַיין אָרְט. אִיז עֶר אַרַיין אִין זַיין פָאטֶערְס הוֹז אוּן הָאט עֶס גִירַשִׁית. דֶער חכם אִיז אָבֶער גְוֶוען אִין פְרֶעמְדֶע מדינות הָאט קֵיינֶער נִיט גִיהַאט אָפּ צוּ נֶעמֶען דָאס הוֹיז. אִיז דָאס הוֹיז פוּן דֶעם חכם כלה ואבד גְוָוארִין. אוּן סֶע אִיז דֶער פוּן גָאר נִיט גִיבְּלִיבְּן. הָאט דֶער חכם נִיט גְהַאט קֵיין שְׁטוּבּ עֶר זָאל אַרַיין בשעת אַז עֶר אִיז גְקוּמֶען. אִיז עֶר פַאר פָארִין אִין אֵיין אַרְבִּירִיק אַרַיין. הָאט עֶר דָארְט גְהַאט יְסוּרִים. וָוארִין סֶע אִיז נִיט גְוֶוען אַזוֹ אֵיין אַרְבִּירִיק וִוי עֶר הָאט גְוָואלְט. אוּן דֶער תַם. הָאט זִיךְ שׁוֹן הַיינְט גְפוּנֶען אַנַייא טוּעֶכְץ אוּן פְלֶעגְט לוּפִין אַלֶע מָאל צוּם חכם מִיט לִיבְּשַׁאפְט אוּן מִיט שמחה. אוּן עֶר הָאט גְזֶעהְן אַז דֶער חכם הָאט יסוּרים פוּן דֶער אַרְבְּרִיק. הָאט דֶער תם גִיזָאגְט צוּם חכם. בְּרוּדֶער. גֵיי צוּ מִיר אַרַיין אִין מַיין שְׁטוּבּ אַרַיין. וֶועסְטוּ בַּיי מִיר שְׁטֵיין אוּן אִיךְ וֶועל מִיךְ צוּם אוּף נֶעמֶען אִין אֵיין זְמֶענִי גָאר וָואס אִיךְ הָאבּ. אוּן גָאר מַיין שְׁטוּבּ וֶועסְטוּ הָאבִּין. אִיז דָאס גִיפֶעלִין דֶעם חכם. אִיז דֶער חכם צוּ אִים אַרַיין. אוּן עֶר אִיז בַּיי אִים גִישְׁטַאנֶען. אוּן דֶער חכם אִיז גְוֶוען פוּל מִיט יסוּרים תָּמִיד. וָוארִין עֶר הָאט גְלָאזְט אַשֵׁם אַז עֶר אִיז אַגְרוֹסֶער חכם אוּן אַגְרוֹסֶער בעל מלאכה אוּן אַגְרוֹסֶער דָאקְטֶער זֵייעֶר. אִיז גִיקוּמֶען אַשׂררה. אוּן הָאט גְהֵייסִין אַז עֶר זָאל אִים מַאכִין אַגִילְדִין פִינְגֶערִיל. הָאט עֶר אִים גְמַאכְט זֵייעֶר אַוואל פִינְגֶעריל.

של זהב. ועשה לו טבעת נפלא מאד וחקק שם ציורים בדרכים נפלאים מאד וחקק שם אילן שהיה נפלא מאד. ובא השר ולא ישר בעיניו כלל הטבעת. והיה לו יסורים גדולים מאד. כי היה יודע בעצמו שאלו היה הטבעת עם האילן הזה בשפאניא היה חשוב ונפלא מאד.[2] וכן פעם אחד בא שר גדול והביא אבן טוב יקר שבא ממרחקים והביא לו עוד אבן טוב עם ציור וצוה לו שיצייר כציור הזה על האבן טוב שהביא וצייר ממש כאותו הציור רק ששגה בדבר אחד שלא היה שום אדם מבין על זה רק הוא לבדו. ובא השר וקבל האבן טוב וישר בעיניו. והיה לו להחכם הזה יסורים גדולים מן השגיאה. הלא עד היכן מגיע חכמתי. ועתה יזדמן לי שגיאה.[3] וגם בענין הדאקטיריי היה לו יסורים. כשהיה בא לחולה והיה נותן לו רפואה שהיה יודע בבירור שאם ילך לו להחולה לחיים בוודאי מחויב בבירור להתרפאות מזה. כי היא רפואה נפלאה מאד. ואח״כ מת החולה. והיו אומרים העולם שמת על ידו. והיה לו יסורים גדולים מזה. וכן לפעמים נתן רפואה לחולה ונתרפא. והיו אומרים העולם מקרה הוא. והי׳ מלא יסורים תמיד. וכן הי׳ צריך למלבוש. וקרא החייט ויגע עמו

און הָאט דָארְט אוֹס גְקְרִיצְט גְמֶעלִין מִיט זֵייעֶר ווּאוֹלֶע גֶעֶנְג און הָאט דָארְט אוֹס גְקְרִיצְט אַבּוֹים וָואס סֶע גְוֶועְן גָאר אַחִידוּשׁ. אִיז גְקוּמֶען דֶער שׂרָרה. און סֶע אִיז אִים גָאר נִיט גְפֶעלִין דָאס פִינְגֶערִיל. הָאט עֶר גְהַאט גְרוֹסֶע יסוּרִים. וָוארִין עֶר הָאט בַּייא זִיךְ גְווּסְט אַז דָאס פִינְגֶערִיל מִיט דֶעם בֵּיימִיל זָאל גְוֶועְן זַיין אִין שְׁפַּאנְיָא וָואלְט עֶס זֵייעֶר חשוב גְוֶועְן סֶע וָואלְט דָארְט גְוֶועְן אַחִידוּשׁ. און דָא גְפֶעלְט עֶס גָאר נִיט. און אַזוֹ אִיז אַמָאל גְקוּמֶען אַגְרוֹסֶער שׂררה און הָאט גְבְּרַאכְט אַטַייעֶרִין דוּמִיט וָואס מֶען הָאט אִים גְבְּרַאכְט פוּן וַייטֶע לֶענְדֶער. און עֶר הָאט אִים גְבְּרַאכְט נָאךְ אֵיין דוּמִיט מִיט אַגִימֶעל און הָאט אִים גְהֵייסְן אַז עֶר זָאל אוֹס קְרִיצִין אַזוֹ וִוי דָאס גְמֶעל אִיז אַזוֹ זָאל עֶר אוֹס קְרִיצִין אוֹף דֶעם דוּמִיט וָואס עֶר הָאט אִים גְבְּרַאכְט (וָואס עֶר אִיז גְוֶועְן פוּן וַוייטֶע לֶענְדֶער) הָאט עֶר אוֹס גִיקְרִיצְט פּוּנְקְט אַזוֹ וִוי דָאס גְמֶעל. נָאר עֶר הָאט גְפֶעלְט אֵיין זַאךְ וָואס קֵיין שׁוּם מֶענְשׁ אִיז דְרוֹף קֵיין מֵבִין נִיט גְוֶועְן נָאר עֶר אַלֵיין. אִיז גְקוּמֶען דֶער שׂררה און הָאט אָפּ גִינוּמֶען דֶעם דוּמִיט. און עֶר אִיז אִים ווּאל גְפֶעלִין. און דֶער חכם הָאט גְהַאט גְרוֹסֶע יְסוּרִים פוּן דֶעם פֶעלֶער וָואס עֶר הָאט גְפֶעלְט. עֶר הָאט זִיךְ גְטְרַאכְט. אַזוֹ קְלוּג וִוי אִיךְ בִּין. הַיינְט זָאל זִיךְ מִיר טְרֶעפְן אַפֶּעלֶער. און אַזוֹ אִין דָאקְטִירַיי הָאט עֶר אוֹךְ גְהַאט יְסוּרִים אַז עֶר אִיז גְקוּמֶען צוּ אֵיין חוֹלֶה. און עֶר הָאט אִים גְגֶעבְן רְפוּאוֹת וָואס עֶר הָאט גְווּסְט קְלָאר אַז דֶעם חוֹלֶה וֶועט גֵיין אוֹף לֶעבִין אִיז עֶר מְחוּיָב בְּוַודַאי גְהֵיילְט צוּ וֶוערִין פוּן דִיא רְפוּאוֹת וָוארִין סֶע אִיז זֵייעֶר ווּאלֶע רְפוּאוֹת. דֶער נָאךְ אִיז אָבֶּער דֶער חוֹלֶה גְשְׁטָארְבְּן. הָאט דֶער עוֹלָם גְזָאגְט. אַז עֶר אִיז גְשְׁטָארְבְּן דוּרְךְ אִים. הָאט עֶר גְרוֹסֶע יְסוּרִים דֶער פוּן גְהַאט. און אַזוֹ אַמָאל הָאט עֶר גִיגֶעבְּן רְפוּאוֹת אַחוֹלֶה. און דֶער חוֹלֶה אִיז גְזוּנְד גְוָוארְן. און דֶער עוֹלָם הָאט גְזָאגְט סֶע אִיז אַמקרה (כלומר עֶר אִיז אַזוֹ גְזוּנְד גְוָוארִין נִיט פוּן אִים) הָאט עֶר דֶער פוּן אוֹךְ גְרוֹסֶע יְסוּרִים גְהַאט. און עֶר אִיז פוּל גְוֶועְן מִיט יסוּרִים תָּמִיד. און אַזוֹ אַז עֶר הָאט בַּדַארְפְט אֵיין מַלְבּוּשׁ. הָאט עֶר גְרוּפְן דֶעם שְׁנַיידֶער. און הָאט זִיךְ מִיט אִים גְמוּטְשֶׁעט. בִּיז עֶר הָאט אִים אוֹס גְלֶערִינְט אַז עֶר זָאל מַאכִין דָאס מַלְבּוּשׁ מִיט דֶער מָאדֶע אַזוֹ וִוי עֶר ווִיל. אַזוֹ וִוי עֶר הָאט גְווּסְט. הָאט דֶער שְׁנַיידֶער צוּ

עד שלמדו לעשות המלבוש כרצונו. כמו שהיה יודע. וכיוון החייט ועשה המלבוש כרצונו רק כנף אחד שקורין (לעפיל) שגה בו. ולא כיוונו יפה. והיה מצטער מאוד. כי היה יודע בעצמו אף שבכאן הוא יפה. כי אינם מבינים על זה. אבל אם הייתי בשפאניא עם הלעפיל הזה הייתי לשחוק והייתי נדמה כמו (יתיר). וכן היה מלא יסורים תמיד והתם היה רץ ובא בכל פעם אל החכם בשמחה. ומצאו שהוא מיצר ומלא יסורים ושאלו. הלא חכם ועשיר כמותך. על מה יש לך יסורים תמיד. הלא אני מלא שמחה תמיד. והיה בעיני החכם לשחוק ונדמה בעיניו למשוגע. ואמר לו התם הלא סתם בני אדם שמתלוצצים ממני הם שוטים כי אם המה חכמים ממני הלא אדרבה הם שוטים כנ״ל. מכ״ש חכם כמותך. ומה תהיה אם אתה חכם ממני. ענה התם ואמר להחכם מי יתן שתבא אתה על מדרגה שלי השיב החכם ואמר. זה אפשר להיות, שאני אבא על שלך. שינטל ממני השכל ח״ו או אהיה חולה ח״ו ואהיה נעשה משוגע. כי הלא מה אתה. איש משוגע. אבל שאתה תבא על שלי זה א״א בשום אופן שתהיה אתה חכם כמוני. השיב התם <u>אצל הש״י הכל אפשר</u>. ויכול להיות כהרף עין שאני אבא על שלך. ושחק החכם ממנו מאד:

prediction

גְטְרָאפִין אוּן הָאט אִים גְמַאכְט דָאס מַלְבּוּשׁ אַזוֹ וִוי עֶר הָאט גְוָואלְט. נָאר אֵיין לֶעפִּיל הָאט דֶער שְׁנַייְדֶער גְפֶעלְט אוּן הָאט עֶס נִיט גוּט צוּ גְטְרָאפִין. הָאט עֶר דֶער פוּן גְרוֹסֶע יְסוּרִים גְהַאט וָוארְן עֶר הָאט בַּייא זִיךְ גְווּסְט חָאטְשְׁי דָא אִיז דְרוּף קֵיינֶער קֵיין מֵבִין נִיט. אִיךְ זָאל אָבֶּער זַיין אִין שְׁפַּאנְיָא. מִיט דֶעם לֶעפִּיל. וָואלְט מֶען אוּס מִיר גְלַאכְט. אוּן אִיךְ וָואלְט <u>אַפָּנִים גְהַאט וִוי חוֹזֶק</u> אוּן אַזוֹ אִיז עֶר גְוֶועֶן פוּל מִיט יסוּרִים תָּמִיד. אוּן דֶער תַּם פְלֶעגְט אַלֶע מָאל לוֹפִין אוּן פְלֶעגְט קוּמֶען צוּם חכם מִיט שִׂמְחָה מִיט פְרֵייד. אוּן עֶר הָאט אִים אַלְץ גְפוּנֶען אִין צַעַר אוּן פוּל מִיט יְסוּרִים. אוּן עֶר הָאט אִים גְפְרֶעגְט אַזוֹ אַחָכָם אוּן אַזוֹ אֵיין עוֹשֶׁר וִוי דוּא בִּיסְט וָואס הָאסְטוּ אַלְץ יְסוּרִים תָּמִיד. פַאר וָואס בִּין אִיךְ תָּמִיד פְרֵייְלִיךְ. אִיז דָאס בַּאם חכם גְוֶועֶן אַגִישְׁפֶּעט. אוּן עֶר הָאט בַּיי אִים אַפָּנִים גְהַאט פַאר מְשׁוּגָע. הָאט דֶער תם צוּ אִים גִיזָאגְט. אֲפִילוּ גְלַאטֶע מֶענְשְׁן אַז זֵיי שְׁפֶּעטְן אוּס מִיר זֶענֶען זֵייא אוֹיךְ נַעֲרָנִים. וָוארִין אַז זֵייא זֶענֶען שׁוֹן קְלִיגֶער פוּן מִיר זֶענֶען זֵיי זִיךְ עֶרְשְׁט נַעֲרָנִים. מכל שכן אַזוֹ אַחָכָם וִויא דוּ בִּיסְט. וָואס אִיז אַז דוּ בִּיסְט שׁוֹן קְלוּגֶער פוּן מִיר. הָאט זִיךְ דֶער תם אָן גְרוּפִין אוּן הָאט גְזָאגְט צוּם חכם וִויא גִיט דֶער אֵייבִּירְשְׁטֶער אַז דוּא זָאלְסְט קוּמֶען אוֹיף מַיין שְׁטֵייגֶער (כלומר דוּ זָאלְסְט אוֹיךְ אַתָּם וֶוערִין) הָאט דֶער חכם גְעֶנְפֶּרְט. דָאס קָאן גְמָאלְט זַיין אַז אִיךְ זָאל קוּמֶען אוֹיף דַיין שְׁטֵייגֶער. אַז גָאט זָאל בַּיי מִיר דֶעם שֵׂכֶל אַוֶועק נֶעמֶען ח״ו, אוֹדֶער אִיךְ זָאל ח״ו קְרַאנְק וֶוערִין. קָאן זַיין אַז אִיךְ זָאל אוֹיךְ וֶוערִין מְשׁוּגָע. וָוארִין וָואס בִּיסְטוּ דֶען נָאר מְשׁוּגָע. נָאר אַז דוּ זָאלְסְט קוּמֶען אוֹיף מַיין שְׁטֵייגֶער. דָאס אִיז נִיט גְמָאלְט בשום אופן. אַז דוּא זָאלְסְט זַיין אַזוֹ אַחָכָם וִוי אִיךְ. הָאט דֶער תַּם גְעֶנְפֶּרְט. בַּייא הש״י אִיז אַלְץ מֶעגְלִיךְ. קָאן זַיין כהרף עין (אַזוֹ וִויא אֵיין אוֹגִין בְּלִיק) אַז אִיךְ זָאל קוּמֶען אוֹיף דַיין חכמה. הָאט דֶער חכם אוּס אִים זֵייעֶר גְלַאכְט.

להגאבירניר של הגאבערני' שאלו הב' בנים הם תחת ממשלתו. וצוה בהאגרת
שהגאבירניר ישלח להם אגרות משמו להחכם והתם כדי שלא יתפחדו. ויכתוב להם
שאין הדבר נחוץ ואין המלך גוזר דווקא שיבואו רק הדבר תלוי ברצונם. אם הם
רוצים יבואו. רק שהמלך חפץ לראותם. ונסעו אלו השלוחים החכם והתם ובאו
להגאבירניר ונתנו לו האגרת. ושאל הגאבירניר על אלו הב' בנים. ואמרו לו
שהחכם הוא חכם מופלג ועשיר גדול. והתם הוא תם ביותר ויש לו כל המלבושים
של הפעלץ כנ"ל. ונתייעץ הגאבירניר שבודאי אין ראוי להביאו לפני המלך בלבוש
פעלץ. ועשה לו מלבושים כראוי והניח בתוך העגלות צב של התם ונתן להם אגרות
כנ"ל. ונסעו השלוחים ובאו לשם. ונתנו האגרות להם. החכם להחכם. והתם להתם.
והתם תיכף שהגיע לו האגרת. אמר להתם השליח שהביאו. הלא איני יודע מה כתוב
בו קרא אותו לפני. השיב לו. אני אספר לך בע"פ מה שכתוב בו שהמלך רוצה
שתבא אליו. שאל תיכף. רק בלי ליצנות. השיב לו בוודאי אמת בלי ליצנות.
ונתמלא שמחה תיכף ורץ ואמר לאשתו. אשתי. המלך שלח בשבילי. ושאלה אותו
על מה ולמה. ולא היה לו פנאי להשיבה כלל. ותיכף נזדרז בשמחה והלך ונסע עם

שִׁיקִין בְּרִיב פוּן זַיינֶעט וֶועגִין צוּם חכם אוּן צוּם תם כדי אַז זֵיי זָאלִין זִיךְ נִיט שְׁרֶעקִין. אוּן
עֶר זָאל זֵיי שְׁרַייבְּן. אַז דִיא זַאךְ אִיז נִיט נֵייטִיק. אוּן דֶער מלךְ אִיז נִיט גוֹזֵר דַוְוקָא אַז זֵיי
זָאלִין קוּמֶען. נָאר סֶע אִיז בַּיי זֵיי דִי ברירה. אַז זֵייא וִוילִין זָאלִין זֵיי קוּמֶען. נָאר דֶער מלךְ
וִויל זֵייא זֶעהְן. זֶענֶען גְפָארִין דִי שלוּחים דֶער חכם מִיט דֶעם תם. אוּן זֶענֶען גְקוּמֶען צוּם
גַאבִּירְנִיר. אוּן הָאבִּין אִים אָפּ גְגֶעבְּן דִי בְּרִיב. הָאט דֶער גַאבִּירְנִיר נָאךְ גְפְרֶעגְט אוֹף דִיא
צְוֵויי קִינְדֶער הָאט מֶען אִים גְזָאגְט. אַז דֶער חכם אִיז אַוְוילְדֶער חכם אוּן אַגְרוֹסֶר עוֹשֶׁר. אוּן
דֶער תַּם אִיז זֵייעֶר אַגְרוֹסֶער תַּם. אוּן עֶר הָאט אַלִירְלֵייא מַלְבּוּשִׁים פוּן דֶעם פֶּעלְץ כנ"ל.
הָאט זִיךְ דֶער גַאבִּירְנִיר מיישב גְוֶועןְ. סֶע אִיז בְּוַודְאִי נִיט שֵׁיין אַז מֶען זָאל אִים בְּרֶענְגֶען
פַאר דֶעם מלךְ אִין אַפֶּעלְץ. הָאט עֶר אִים גְמַאכְט קְלֵידֶער אַזוֹ וִויא סֶע קֶער צוּ זַיין. אוּן הָאט
אַרַיין גְלֵייגְט אִין דֶער קַארִיטֶע פוּן דֶער תם. אוּן עֶר הָאט זֵיי גְגֶעבִּין בְּרִיב כנ"ל. זֶענֶען דִי
שלוּחים גְפָארִין. אוּן זֵיי זֶענֶען צוּ זֵיי גְקוּמֶען. אוּן הָאבְּן זֵיי אָפּ גְגֶעבְּן דִי בְּרִיב. דֶער חכם
הָאט אָפּ גְגֶעבְּן צוּם חכם. אוּן דֶער תַּם צוּם תַּם. אוּן דֶער תם. תֵּיכֶף וִויא מֶען הָאט אִים אָפּ
גְגֶעבְּן דֶעם בְּרִיב. הָאט עֶר זִיךְ אָן גִירוּפְן צוּא דֶעם שליח (וָואס עֶר אִיז אוֹךְ גְוֶועןְ אַתַּם. כנ"ל)
וָואס עֶר הָאט אִים גְבְּרַאכְט דֶעם בְּרִיב. אִיךְ וֵוייס זִיךְ נִיט וָואס אִין דֶעם בְּרִיב שְׁטֵייט. לֵיין
אִים פַאר מִיר. הָאט עֶר אִים גְעֶנְפֶערְט. אִיךְ וֶועל דִיר זָאגִין אוֹסִין וֵויינִיק וָואס אִין אִים
שְׁטֵייט. דֶער מלךְ וִויל אַז דוּ זָאלְסְט צוּ אִים קוּמֶען הָאט עֶר תֵּיכֶף גְפְרֶעגְט. נָאר אָן לֵיצָנוּת.
הָאט עֶר אִים גְעֶנְפֶערְט. סֶע אִיז אַוודאי אֶמֶת אָן לֵיצָנוּת אִיז עֶר תֵּיכֶף מָלֵא שִׂמְחָה
גְוָואריִן אוּן אִיז גִילָאפִין אוּן הָאט גְזָאגְט צוּם וַוייבּ. מַיין וַוייבּ. דֶער מלךְ הָאט נָאךְ
מִיר גִישִׁיקְט. הָאט זִי אִים גְפְרֶעגְט. וָואס אִיז דָאס. נָאךְ וָואס הָאט עֶר נָאךְ דִיר גְשִׁיקְט. הָאט
עֶר גָאר קֵיין צַייט נִיט גְהַאט עֶר זָאל אִיר עֶפֶּעס עֶנְפֶרִין. אוּן הָאט זִיךְ תֵּיכֶף מזרז גְוֶועןְ מִיט
שִׂמחה אוּן אִיז גְגַאנְגֶען אוּן הָאט זִיךְ אַרַיין גְזֶעצְט אִין דֶער קַארִיטֶע עֶר זָאל פָארִין מִיט דֶעם

**ואלו** הב׳ בנים היו נקראים בפי העולם זה בכינוי חכם וזה בכינוי תם. אע״פ שיש כמה חכמים ותמים בעולם אעפ״כ כאן הי׳ ניכר הדבר ביותר. כי שניהם ממקום א׳ ולמדו ביחד וזה נעשה חכם מופלג מאד. וזה הי׳ תם גדול מאד ובהסקאסקי ששם כותבין כ״א עם כינוי פאמעליא שלו. היו כותבין על זה כינוי חכם ועל זה כינוי תם. פעם אחד בא המלך על הסקאסקי. ומצא שהיו כתובין שם אלו הב׳ בנים זה בשם חכם וזה בשם תם. והי׳ בעיניו לפלא. שאלו הב׳ מכונים בשם חכם ותם ונתאוה המלך לראותם. וחשב המלך. אם אשלח אחריהם פתאום שיבואו לפני. יתפחדו מאד. והחכם יסתתמו טענותיו לגמרי. והתם ג״כ אפשר ישתגע מחמת פחד. ונתיישב המלך לשלוח חכם א׳ אל החכם ותם אל התם רק איך מוצאין בעיר מלוכה תם, כי בעיר מלוכה ע״פ רוב הם חכמים. רק שהממונה על האוצרות הוא תם דווקא. כי החכם אינם רוצים לעשות ממונה על האוצרות. פן ע״י חכמתו ושכלו יוכל לבזבז האוצרות. ע״כ עושין ממונה על האוצרות תם דווקא. וקרא המלך לחכם א׳ ולאותו התם הנ״ל ושלחם להב׳ בנים הנ״ל ונתן בידם אגרות לכ״א וא׳. גם נתן בידם אגרת

אוּן דִי צְוֵוייא קִינְדֶער. פְלֶעגְט דִיא וֶועלְט רוּפִין חָכָם אוּן תָּם. דֶעם הָאבִין זֵיי גְרוּפְן חָכָם. אוּן דֶעם הָאבְן זֵיי גְרוּפְן תָּם. חָאטְשֶׁע סֶע אִיז פַאר הַאנְדְן אַסַאךְ חֲכָמִים אוּן תְּמִים אוֹיף דֶער וֶועלְט. דָא הָאט זִיךְ עֶס אָבֶּער זֵייעֶר אָן גְזֶעהְן וָוארִין זֵייא זֶענֶען בֵּיידֶע גְוֶועזְן פוּן אֵיין שְׁטָאט. אוּן הָאבִין אִין אֵיין חדר גְלֶערִינְט אוּן דֶער אִיז גְוֶועזְן זֵייעֶר אַווילְדֶער חכם. אוּן דֶער אִיז גְוֶועזְן זֵייעֶר אַגְרוֹסֶער תם (אִיבֶּער דֶעם הָאט מֶען זֵיי דִי צוּ נֶעמֶען גִיגִיבְּן דֶעם חכם אוּן דֶעם תַּם) אוּן אִין דֶער סְקַאסְקֶע פַאר שְׁרַייבְּט מֶען זִיךְ אִיטְלִיכְן מִיט אַלֶע נֶעמֶען פוּן זַיין פַאמֶעלְיא. הָאט מֶען אָן גְשְׁרִיבֶּן אוֹיף דֶעם. דֶעם צוּא נָאמֶען. חכם. אוּן אוֹיף דֶעם. תם. אַמָאל אִיז דֶער מלךְ גְקוּמֶען אִיבֶּער דֶער סְקַאסְקֶע. הָאט עֶר גְפוּנֶען דִי צְוֵויי. ווִי זֵיי זֶענֶען פַאר שְׁרִיבְּן דֶער מִיט דֶעם צוּ נָאמֶען חָכָם. אוּן דֶער מִיט דֶעם צוּ נָאמֶען תָּם. אִיז דָאס בַּאם מלךְ גְוֶועזְן אַווּנְדֶער. וָואס דִיא צְוֵויי הָאבִין אַזוֹנֶע צוּא נֶעמֶען חכם אוּן תם. הָאט דֶער מֶלֶךְ זֵייעֶר גְוָואלְט זֵיי זֶעהְן. הָאט זִיךְ דֶער מלךְ מיישב גְוֶועזְן. אַז אִיךְ וֶועל פְלוּצִים שִׁיקִין נָאךְ זֵיי. אַז זֵיי זָאלְן קוּמֶען פַאר מִיר. וֶועלִין זֵיי זִיךְ זֵייעֶר אִיבֶּער שְׁרֶעקִין. אוּן דֶער חכם וֶועט גָאר נִיט ווִיסִין. וָואס צוּא עֶנְפֶרִין. אוּן דֶער תַּם וֶועט אפשַׁר מְשׁוּגָע וֶוערִין מחמת פחד. הָאט זִיךְ מיישב גְוֶועזְן דֶער מלךְ אַז עֶר זָאל שִׁיקִין אַחכם צוּם חכם. אוּן אַתם צוּם תם. נָאר ווִי קְרִיגְט מֶען אִין אֵיין עִיר מלוּכה אַתַּם. וָוארִין אִין אֵיין עִיר מלוכה (דהיינוּ דִי שְׁטָאט וָואס דֶער מלךְ זִיצְט) זֶענֶען דָאס רוֹב חכמים. נָאר דֶער וָואס עֶר אִיז אַמְמוּנָה אִיבֶּער דִי אוֹצְרוֹת עֶר אִיז דַוְוקָא אַתַּם. וָוארִין אַחכם וִויל מֶען נִיט מַאכִין פַאר קֵיין מְמוּנָה אִיבֶּער דִיא אוֹצרוֹת. וָוארִין טָאמֶער דוּרְךְ זַיין חכמה מִיט זַיין שֵׂכל. וֶועט עֶר אוֹס בְּרֶענְגֶען דִי אוֹצרוֹת. אִיבֶּער דֶעם מַאכְט מֶען אַממוּנה אִיבֶּער דִי אוֹצרוֹת אַתם דַוְוקָא. הָאט דֶער מֶלֶךְ גְרוּפִין אַחכם אוּן דֶעם תַּם (וָואס עֶר אִיז אַממוּנה אִיבֶּער דִי אוֹצרוֹת) אוּן עֶר הָאט זֵיי גְשִׁיקְט צוּ דִי צְוֵויי (דהיינוּ צוּם חכם אוּן צוּם תם) אוּן עֶר הָאט זֵיי גְגֶעבִּין בְּרִיב צוּ אִיטְלִיכְן בַּאזוּנְדֶער. אוּן עֶר הָאט זֵייא נָאךְ בְּרִיב גְגֶעבִּין צוּם גַאבִּירְנִיר פוּן דֶער גאבערניא וָואס דִיא צְוֵויי דהיינוּ דֶער חכם מִיט דֶעם תַּם זֶענֶען אוּנְטֶער אִים. אוּן דֶער מֶלֶךְ הָאט גְהֵייסִין אִין דֶעם בְּרִיב אַז דֶער גַאבִּירְנִיר זָאל זֵיי

והיו אוהבים אותו המדינה מאד. והי׳ לו יועצים אוהבים באמת. ומחמת האהבה יעץ לו אחד. באשר שבודאי בהכרח תהיה קרוא אל המלך שתבוא לפניו. כי הלא כבר שלח אחריך וגם הדרך שהגאבירניר מוכרח לבא לפני המלך. וע״כ אע״פ שאתה כשר מאד ולא ימצא בך שום עוולה בהנהגתך המדינה. אעפ״כ דרך המלך בדבריו לנטות בדבריו לצד אחר לדבר חכמות ולשונות אחרים ע״כ נאה ודרך ארץ שתוכל להשיבו. ע״כ טוב שאלמדך חכמות ולשונות. ונתקבל הדבר בעיני התם ואמר מה איכפית לי אם אלמוד חכמות ולשונות. ותיכף עלה על דעתו. שחבירו החכם אמר לו שא״א בשום אופן שהוא יבוא על שלו. והנה עתה כבר בא על חכמתו. (ואעפ״כ אע״פ שכבר היה יודע חכמות . לא היה משתמש עם החכמות כלל רק נהג הכל בתמימותו כבראשונה) אחר כך שלח המלך שיבא זה התם הגאבירניר אליו. ונסע אליו. ודיבר המלך עם התם בתחילה מהנהגת המדינה. והוטב בעיני המלך מאד מאד. כי ראה שהוא מתנהג ביושר ואמת גדול בלי שום עולה ומרמה. אחר כך התחיל המלך לדבר חכמות

פִירִיכְץ פוּן אַמדינה. בַּדאַרְף מֶען קֵיין גְרוֹסְן שׂכל אוּן קֵיין חכמות נִיט. נָאר יוֹשר אוּן תמימות. אַז סֶע זֶענֶען גִיקוּמֶען צְוֵויי מֶענְטְשְׁן זִיךְ לָאדִין פַאר אִים. הָאט עֶר גְזָאגְט דוּא בִּיסְט זכּאי אוּן דוּ בִּיסְט חייב. אַזוֹ וְויא זַיין תּמימות אוּן זַיין אמת אִיז גְוֶועְן. אָן אַשוּם רמאות אוּן אָן פַאלְטְשְׁקֵייט. אוּן אַזוֹ הָאט עֶר אַלְץ גִיפִירְט מִיט אמת. הָאט אִים דִיא מדינה זֵייעֶר לִיבּ גְהַאט. אוּן עֶר הָאט גְהַאט גְטְרַייעֶ יוֹעצים וָואס זֵיי הָאבְּן אִים לִיבּ גְהַאט באמת. אוּן מחמת לִיבְּשַׁאפְט. הָאט אִים אֵיינֶער אֵיין עצה גֶעגֶעבְּן. באשר דוּא וֶועסְט זִיךְ בּוודאי מוּזְן קוּמֶען פַאר דֶעם מֶלֶךְ. וָוארִין עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹן נָאךְ דִיר גִישִׁיקְט. אוּן וִוידֶער. דֶער סדר אִיז. אַז אַגוּבִירנִיר מוּז קוּמֶען פַאר דֶעם מֶלֶךְ. בְּכֵן. חָאטְשֶׁע דוּ בִּיסְט זֵייעֶר עֶרְלִיךְ. אוּן דֶער מלךְ וֶועט אִין דִיר נִיט גִיפִינֶען קֵיין שוּם פַאלְטְשְׁקֵייט. אִין דַיין פִירִיכְץ דִיא מדינה. פוּן דֶעסְט וֶועגִין פָארְט סֶע אִיז אָבֶּער דֶער סדר פוּן דֶעם מלךְ. אַז עֶר שְׁמוּסְט. אַז אִין דִיא רֵייד גֵייט עֶר אַרַיין אִין דֶער זַייט. אוּן הֵייבְּט אָן שְׁמוּסִין חכמות אוּן לשונות. בְּכן. אִיז שֵׁיין. אוּן סֶע אִיז דֶער דרךְ ארץ אַז דוּ זָאלְסְט אִים קֶענֶען עֶנְפֶערִין. אִיבֶּער דֶעם אִיז רֶעכְט אַז אִיךְ זָאל דִיךְ אוֹיס לֶערְנֶען חכמות אוּן לשונות. אִיז דָאס גְפֶעלִין דֶעם תָּם. הָאט עֶר זִיךְ מיישב גְוֶועְן. וָואס אַיירְט עֶס מִיךְ אַז אִיךְ וֶועל מִיךְ לֶערְנֶען חכמות אוּן לשונות. הָאט עֶר זִיךְ גְלֶערִינְט אוּן הָאט מקבל גְוֶועְן חכמות אוּן לשונות. אִיז אִים תֵּיכֶף גְקוּמֶען אוֹיף דֶעם זִין דֶער חכם זַיין חבר הָאט אִים גְזָאגְט. אַז סֶע אִיז נִיט גִימָאלְט בְּשוּם אוֹפָן. אַז עֶר זָאל קוּמֶען אוֹיף זַיין חכמה. הָאט בִּין אִיךְ שׂוֹין גְקוּמֶען אוֹיף זַיין חכמה. (אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגִין חָאטְשֶׁע עֶר הָאט שׂוֹין גְווּסְט חכמות. הָאט עֶר גָאר נִיט גִינוּצְט מִיט דִיא חכמות. נָאר עֶר הָאט זִיךְ גְפִירְט מִיט זַיין תּמימות אַזוֹ וְויא פְרִיר) דֶער נָאךְ הָאט דֶער מלךְ גְשִׁיקְט. אַז דֶער תָּם דֶער גוּבִירנִיר זָאל צוּ אִים קוּמֶען. אִיז עֶר צוּ אִים גְפָארִין. הָאט דֶער מלךְ פְרִיר גְשְׁמוּסְט מִיט דֶעם תָּם פוּן דֶעם פִירִיכְץ פוּן דֶער מדינה. אִיז עֶר דֶעם מלךְ זֵייעֶר וואוֹל גְפֶעלִין. וָוארִין דֶער מלךְ הָאט גְזֶעהְן. אַז עֶר פִירְט מִיט יוֹשר אוּן מִיט גְרוֹס אמת אָן אַשוּם עַוְלָה אוּן גָאר אָן פַאלְטְשְׁקֵייט. נָאךְ דֶעם. הָאט דֶער מלךְ אָן גְהוֹבְּן צוּא שְׁמוּסְן חכמות אוּן לשונות. הָאט אִים דֶער תָּם גְעֶנְפֶערְט אַזוֹ וְויא מֶען בַּדַארְף. אִיז דָאס דֶעם מֶלֶךְ נָאךְ בֶּעסֶער גְפֶעלִין. דֶער מלךְ הָאט גְזָאגְט. אִיךְ זֶעה. אַז עֶר אִיז אַזוֹ אַחָכָם

השליח תיכף. ונכנס וישב בתוך העגלות צב ומצא שם הבגדים הנ״ל ושמח יותר ויותר.

בתוך כך נשלחו מסירות על הגאבירניר שהוא עושה עוולות. והעבירו המלך. ונתייעץ המלך שטוב שיהיה גאבירניר איש תם שהתם ינהוג המדינה באמת ויושר מחמת שאינו יודע חכמות והמצאות. ונמלך המלך לעשות את התם הנ״ל גאבירניר. ושלח המלך פקודתו שהתם הנ״ל ששלח אחריו. הוא יהיה גאבירניר. והוא צריך לנסוע דרך העיר של הגאבערניא. ויעמדו על השערים של העיר ותיכף בבואו יעכבו אותו ויכתירו אותו בהתמנות הזאת שיהי׳ גאבירניר וכן עשו. ועמדו על השערים. ותיכף בעיברו שם. עיכבו אותו ואמרו לו שהוא נעשה גאבירניר. ושאל ואמר. רק בלי ליצנות. השיבו לו בוודאי בלי שום ליצנות. ונעשה התם תיכף גאבירניר בתוקף ועוז. ועתה שנתרומם מזלו ומזל מחכים. ובא לו קצת הבנה, אעפ״כ לא השתמש כלל בחכמתו רק נהג בתמימותו כבראשונה והנהיג את המדינה בתמימות באמת וביושר. ועולה לא נמצא בו. ועל הנהגת המדינה אין צריכין שכל גדול וחכמות רק ע״פ היושר בתמימות. כשבאו לפניו שנים לדין הי׳ אומר אתה זכאי ואתה חייב כפי תמימותו באמת בלי שום ערמה ומרמה. וכן נהג הכל באמת

שליח. דֶער וַוייל הָאט עֶר דָארְט דֶער זֶעהְן דִי קְלֵיידֶער (וָואס דֶער גַאבִּירְנִיר הָאט גְמַאכְט פוּן זַיינֶעט וֶועגִין אוּן הָאט אַרַיין גְלֵייגְט אִין זַיין קַארִיטֶע כנ״ל) הָאט עֶר זִיךְ נָאךְ מֶער גִיפְרֵייט. עֶר הָאט שׁוֹן קְלֵיידֶער אוֹךְ. אוּן אִיז זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ גְוֶוען.

**דֶער** וַוייל הָאט מֶען דֶער לַאנְגְט צוּם מלךְ מסירות אוּף דֶעם גוּבִּירְנִיר. בּאשר עֶר טוּט פַאלְטְשְׁקֵייט. הָאט דֶער מלךְ אִים מעביר גְוֶוען (כּלוֹמר אָפּ גְזֶעצְט) הָאט זִיךְ דֶער מֶלֶךְ מיישב גְוֶוען. סֶע אִיז גוּט אַז סֶע זָאל זַיין אַגוּבִּירְנִיר אַפְּרָאסְטִי מֶענְשֶׁט דהיינו אַתָּם. וָוארִין אַתָּם וֶועט פִירִין דִי מדינה מִיט אֶמֶת אוּן מִיט יוֹשר. מחמת עֶר וֵוייסְט נִיט קֵיין חכמות אוּן קֵיין המצאות. אִיז דֶעם מלךְ גִיפֶעלִין אַז עֶר זָאל מַאכִין דֶעם תם (דהיינו דֶער תם וָואס עֶר אִיז דֶער חבר פוּן דֶעם חכם וָואס דֶער מלךְ הָאט נָאךְ אִים גִישִׁיקְט) פַאר אַגוּבִּירְנִיר. הָאט דֶער מֶלֶךְ גְשִׁיקְט אֵיין אוּקַאז. אַז דֶער תָּם וָואס עֶר הָאט נָאךְ אִים גְשִׁיקְט. זָאל עֶר וֶוערִין גוּבִּירְנִיר. אוּן דֶער תָּם מוּז פָארִין דוּרְךְ דֶער שְׁטָאט פוּן דֶער גוּבִּירְנִיא. בְּכֵן זָאל מֶען זִיךְ שְׁטֶעלִין אוּף דִי טוֹיעֶרִין פוּן דֶער שְׁטָאט. אַז תִיכף וִויא דֶער תָּם וֶועט אָן קוּמֶען. זָאל מֶען אִים פַאר הַאלְטִין. אוּן מֶען זָאל אִים אָפּ גֶעבִּין דִי טְשִׁין אַז עֶר זָאל זַיין גוּבִּירְנִיר. הָאט מֶען אַזוֹ גִיטָאן. אוּן מֶען אִיז גְשְׁטַאנֶען אוּף דִיא טוֹעֶרִין אוּן תֵּיכֶף וִויא עֶר אִיז דוּרְךְ גִיפָארִין. הָאט מֶען אִים פַאר הַאלְטִין. אוּן מֶען הָאט אִים גְזָאגְט אַז עֶר אִיז גִיוָוארִין גוּבִּירְנִיר. הָאט עֶר גְפְרֶעגְט. נָאר אָן לֵיצנות. הָאט מֶען אִים גְעֶנְפֶערְט. אַוַודאי אָן שׁוּם לֵיצָנוּת. אִיז דֶער תָּם גִיוָוארִין תֵּיכֶף גוּבִּירְנִיר בְּתוֹקֶף וָעוֹז. אוּן הַיינְט אַז דָאס מזל הָאט זִיךְ אִים שׁוֹן אוּף גְהוֹבְּן. אוּן מזל מחכים (דהיינו דָאס מזל מַאכְט קְלוּג) הָאט עֶר שׁוֹין גְקְרִיגְן אַבִּיסְל הבנה (דהיינו פַאר שְׁטַאנְד) פוּן דֶעסְט וֶועגִין פָארְט הָאט עֶר גָאר נִיט גִינוּצְט מִיט זַיין חכמה. נָאר עֶר הָאט זִיךְ גְפִירְט מִיט זַיין תְּמִימוּת אַזוֹ וִויא פְרִיר. אוּן עֶר הָאט גִיפִירְט דִי מדינה מִיט תמימות מִיט אמת. אוּן מִיט יוֹשר. אוּן עֶר הָאט קֵיין שׁוּם פַאלְטְשְׁקֵייט אוּן קֵיין עַוְלָה נִיט גִיטָאן קֵיינֶעם. אוּן אוּיף

אומר בשביל חכמתי. מה אני כנגד המלך. וכי אין להמלך חכמים. וגם המלך בעצמו בוודאי חכם גדול. ומה הדבר הזה שהמלך ישלח עבורי. וישתומם על זה מאד מאד. ענה ואמר זה החכם. (היינו החכם הא׳ שהוא חבירו של התם כי כל זה הכל מדבריו של אותו החכם הא׳ חבירו של התם. שאחר שהשתומם והתמיה עצמו מאד כנ״ל ענה בעצמו דברים אלו. ואמר להחכם השליח) תדע מה שאני אומר דעתי שבהכרח הדבר מובן ומבורר שאין מלך בעולם כלל. וכל העולם טועים בשטות הזה שסוברים שיש מלך. וראה והבן איך אפשר זאת. שכל בני העולם ימסרו עצמן לסמוך על איש אחד שהוא המלך. בוודאי אין מלך בעולם כלל. השיב החכם השליח הנ״ל הלא אני הבאתי לך אגרת מהמלך. שאל אותו החכם הא׳ הנ״ל. האתה בעצמך קבלת האגרת מיד המלך בעצמו ממש. השיב לו לאו. רק איש אחר נתן בידי האגרת בשם המלך. ענה ואמר. עתה ראה בעיניך. שדברי כנים כי אין מלך כלל. חזר ושאל אותו תאמר לי. הלא אתה מן העיר מלוכה ומגודל שם מימיך הגידה לי. הראית מימיך את המלך. השיב לו לאו. (כי באמת כן הדבר שלא כל א׳ וא׳ זוכה לראות את המלך כי אין המלך מתראה רק בעתים רחוקות מאד) ענה החכם הא׳ ואמר עתה ראה

הָאבּ זִיךְ דִיר גְבְּרַאכְט אַבְּרִיב פוּן דֶעם מלךְ. פְרֶעגְט אִים דֶער חכם (דֶער חבר פוּן דֶעם תּם) הָאסְטוּ אַלֵיין גְנוּמֶען דֶעם בְּרִיב בַּאם מלךְ אוֹס דֶער הַאנְט אַרוֹס. עֶנְטְפֶערְט עֶר אִים. נֵיין. נָאר אַנַאנְדֶערֶער מֶענְשׁ הָאט מִיר גִיגִיבְּן דֶעם בְּרִיב פוּן דֶעם מלךְ. רוּפְט עֶר זִיךְ אָן. נָא אדרבא. הַיינְט זֶעה מִיט דַיינֶע אוֹגְן. אַז אִיךְ בִּין גֶרֶעכְט אַז סֶע אִיז גָאר קֵיין מלךְ נִיט פַאר הַאנְדְן. פְרֶעגְט עֶר אִים ווִידֶער (דֶער חכם דֶער חבר פוּן דֶעם תּם. דֶעם אַנְדֶרְן חכם דֶעם שָׁליח) זָאג מִיר נָאר. דוּא בִּיסְט זִיךְ פוּן דֶער עיר מלוכה אוּן דוּא בִּיסְט דָארְט גְוַואקְסְן גְוָוארְן. זָאג מִיר הָאסְטוּ וֶוענְס גְזֶעהְן דֶעם מלךְ. הָאט עֶר אִים גְעֶנְפֶערְט. נֵיין. רוּפְט עֶר זִיךְ אָן. הַיינְט זֶעה אַז אִיךְ בִּין גֶרֶעכְט אַז סֶע אִיז בוודאי גָאר קֵיין מלךְ נִיט פַאר הַאנְדְן. וָוארְן הָאט אפילו דוּ הָאסְט קֵיין מָאל דֶעם מלךְ נִיט גְזֶעהְן. הָאט ווִידֶער דֶער חכם דֶער שָׁליח גְפְרֶעגְט. אַז סֶע אִיז יוֹא אַזוֹ. וֶוער זֶע פִירְט דִי מדינה. הָאט עֶר אִים גְעֶנְפֶערְט (דהיינו דֶער חכם דֶער חבר פוּן דֶעם תּם) דָאס.אִיךְ וֶועל דִיר דֶער צֵיילְן קְלָאר. וָוארְן אִיךְ בִּין דְרִינֶען גִינִיט. אוּן מִיךְ זָאלְסְטוּ פְרֶעגִין. וָוארְן אִיךְ בִּין אוֹסְן גְוֶועזְן לֶענְדֶער.בִּין אִיךְ גְוֶוען. אִין איטליא. אִיז אַזוֹ דֶער מנהג. סֶע אִיז פַאר הַאנְדְן זִיבְּצִיג רַאטְהֶיירִין אוּן זֵיי גֵייאֶן אַרוֹף אוּן פִירְן דִיא מדינה אַצַייט. אוּן מִיט דֶעם שְׁרָרָה שַׁאפְּט טֵיילְן זִיךְ אַיין דִי גַאנְצֶע מדינה אֵיינֶער נָאךְ דֶעם אַנְדֶערְן (דהיינו פְרִיר זֶענֶען דִי. דִיא רַאטְהֶיירִין.דֶער נָאךְ גֵייאֶן דִיא אַרָאפּ אוּן אַנְדֶערֶע גֵייאֶן אַרוֹף אוּן פִירְן דִי מדינה אוּן אַזוֹ אַלֶע מָאל אַנְדֶערֶע) הָאבְּן אָן גְהוֹבְּן זַיינֶע רֵייד אַרַיין צוּא גֵיין אִין דִיא אוֹיעֶרְן פוּן דֶעם אַנְדֶערְן חכם (דהיינו דֶער שליח) בִּיז סֶע אִיז בַּיי זֵיי בֵּיידֶע גְבְלִיבְּן אַז סֶע אִיז בוודאי קֵיין מלךְ אוֹף דֶער וֶועלְט נִיט דָא. הָאט זִיךְ ווִידֶער אָן גְרוּפְן דֶער חכם (דֶער חבר פוּן דֶעם תּם) וַוארְט בִּיז אִין דֶער פְרִיא וֶועל אִיךְ דִיר נָאךְ דֶער וַוייזְן קְלָאר אַז סֶע אִיז בְּוַודאי קֵיין מלךְ נִיט דָא. הָאט דֶער חכם זִיךְ אוֹף גְחַאפְּט אִין דֶער פְרִיא. אוּן עֶר הָאט אוֹף גְוֶועקְט דֶעם אַנְדֶערְן חכם דֶעם שליח. אוּן הָאט צוּ אִים גְזָאגְט קוּם מִיט מִיר אוֹף דֶער גַאס וֶועל אִיךְ דִיר וַוייזְן. וִויא דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אִין טעות. אוּן סֶע אִיז גָאר קֵיין מלךְ נִיט פַאר הַאנְדְן. זֶענֶען זֵיי גְגַאנְגֶען אִין מַארְק. הָאבְּן זֵייא דֶער זֶעהְן אַזֶעלְנֶער הָאבְּן זֵיי אִים אָן גְחַאפְּט. אוּן



115

ולשונות. והשיבו התם כראוי. והוטב בעיני המלך זאת ביותר ויותר. ואמר אני רואה שהוא חכם כזה. ואעפ״כ הוא מתנהג בתמימות כזה וייטב בעיני המלך מאד מאד. ומינה המלך אותו שיהיה מיניסטיר על כל המיניסטריש. וצוה לו מקום מיוחד ששם יהיה ישיבתו. וצוה שיבנה לו חומות נאות ומפוארות כראוי ונתן לו כתב על התמנות הזאת שיהיה מיניסטיר כנ״ל. וכן היה שבנאו לו בניינים כנ״ל באותו המקום שצוה המלך. והלך וקבל הגדולה בתוקף. והחכם הנ״ל כשבא אליו האגרת מהמלך כנ״ל. השיב להחכם שהביאה. המתן ולין פה ונדבר ונתיישב. לערב עשה עבורו סעודה גדולה. בתוך סעודתו נתחכם החכם בחכמתו ופילוסופיא שלו. וענה ואמר מה זאת. שהמלך כזה ישלח אחרי עבור שפל ברך כמוני. ומה אני שהמלך ישלח אחרי. הלא מלך כזה שיש לו ממשלה וגדולה כזו. ואני שפל ונבזה כנגד מלך גדול ונורא כזה. ואיך יתיישב זאת בדעת. שמלך כזה ישלח עבור שפל כמוני. אם

און פִירְט זִיךְ פָארְט מִיט אַזוֹ אַתמימות. אִיז עֶר דֶעם מלך זֵייעֶר זֵייעֶר וואוּל גְפֶעלְין. הָאט דֶער מלךְ אִים גִימַאכְט פַאר אַמִינִיסְטֶער אִיבֶּער אַלֶע מִינִיסְטֶרִיס. און דֶער מֶלֶךְ הָאט גְהֵייסְן מֶע זָאל אִים אָפּ גֶעבִּין אַבַּאזוּנְדֶערֶע שְׁטָאט וָואס דָארְט זָאל עֶר זִיצִין. און הָאט גְהֵייסִין אַז מֶען זָאל אִים אוֹיס מוֹיעֶרְן זֵייעֶר שֵׁיינֶע מוֹיעֶרְן אַזוֹ וִויא סֶע קֶער צוּ זַיין. און הָאט אִים גִיגֶעבְּן אַכְּתַב אוֹיף דֶעם אַז עֶר זָאל זַיין מִינִיסְטֶער. אִיז אַזוֹ גְוֶוען מֶען הָאט אִים אוֹיס גמוֹעֶרְט זֵייעֶר וואוּלֶע מוֹעֶרְן שֵׁיינֶע. אִין דֶעם אוֹרְט וָואס דֶער מֶלֶךְ הָאט גְהֵייסְן און עֶר הָאט אָפּ גְנוּמֶען דִי גדולה בְּתוֹקֶף:

דֶער חכם. אַז סֶע אִיז אִים אָן גְקוּמֶען דֶער בְּרִיב פוּן דֶעם מלךְ. הָאט עֶר גֶעֶנְפֶרְט צוּ דֶעם חכם וָואס עֶר הָאט גְבְּרַאכְט דֶעם בְּרִיב. וַוארְט. און נֶעכְטִיג דָא אִיבֶּער. וֶועלִין מִיר אִיבֶּער שְׁמוּסִין. און מִיר וֶועלִין זִיךְ מיישב זַיין. אוֹיף דֶער נַאכְט הָאט עֶר גִימַאכְט אוּף אִים אַגְרוֹסֶע סְעוּדָה. אִין דֶעם עֶסְן. הָאט דֶער חָכָם (דֶער חבר פוּן דֶעם תָּם) אָן גְהוֹבְּן צוּ קְלוּגְן און צוּ קְלֶערִין מִיט זַיין חכמה און מִיט זַיין פילוסופיא. און הָאט זִיךְ אָן גרוּפְן און הָאט גְזָאגְט. וָואס קָאן דָאס בַּטֵייטִין. וָואס אַזוֹ אַמֶלֶךְ זָאל שִׁיקִין נָאךְ אַזוֹ אַקְלֵיינֶעם מֶענְשׁ וִוי אִיךְ בִּין. וָואס בִּין אִיךְ עֶס. אַז דֶער מלךְ זָאל שִׁיקִין נָאךְ מִיר. וָואס טַייטְשׁ. אַזוֹ אַגְרוֹסֶער מֶלֶךְ וָואס עֶר הָאט אַזוֹ אַממשלה און אַזוֹ אַגדולה. און אִיךְ אַזוֹ קְלֵיין וִוי אִיךְ בִּין אַקֶעגִין אַזוֹ אַגְרוֹסעֶן מֶלֶךְ. נָא וִויא גִישִׁיקְט זִיךְ דָאס אִין שׂכל אַז אַזוֹ אַמֶלֶךְ זָאל שִׁיקְן נָאךְ מִיר. אִיךְ זָאל זָאגְן מחמת מַיין חכמה. הָאט עֶר נָאךְ מִיר גְשִׁיקְט. וָואס טְרֶעף אִיךְ אָן אַקֶעגְן דֶעם מלךְ. הָאט דֶען דֶער מלךְ קֵיין חכמים נִיט. און דֶער מלךְ אַלֵיין אִיז זִיךְ אוּךְ בוודאי אַגְרוֹסֶער חכם. און וָואס אִיז דָאס. אַז דֶער מלךְ זָאל נָאךְ מִיר שִׁיקְן. און עֶר הָאט זִיךְ דְרוּף זֵייעֶר זֵייעֶר פַאר ווּנְדֶערְט. און וִוי עֶר פַאר ווּנְדֶערְט זִיךְ אַזוֹ. רוּפְט עֶר זִיךְ אָן (צוּ דֶעם אַנְדֶערְן חכם דֶער שליח וָואס הָאט דֶעם בְּרִיב גְבְּרַאכְט) וֶוייסְטוּ וָואס אִיךְ וֶועל דִיר זָאגְן. הָאט מַיין דיעה אִיז אַז סֶע אִיז גְדְרוּנְגֶען. אַז סֶע אִיז גָאר קֵיין מלךְ נִיט דָא אִין דֶער וֶועלְט. און דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז זִיךְ דְרִינֶען טוֹעֶה זֵיי מֵיגֶען אַז סֶע אִיז דָא אמלךְ. אדרבא פַר שְׁטֵייא. וִוי גְשִׁיקְט זִיךְ דָאס. אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. זָאל זִיךְ אָפּ גִיבְּן צוּ אֵיין מֶענְשְׁן אִין דֶער הַאנְט אַרַיין. אַז עֶר זָאל זַיין דֶער מלךְ. סֶע אִיז אַוודאי קֵיין מלךְ אוּף דֶער וֶועלְט נִיט דָא. עֶנְפֶערְט דֶער חכם דֶער שליח. אִיךְ

הראית את המלך. לאו. ענה ואמר. עתה ראה בעיניך שהדבר מבורר שכולם טועים ואין מלך כלל בעולם. ונסכם ביניהם הדבר שאין מלך כלל. ענה החכם ואמר עוד. בא ונסע ונלך בעולם. ואראך עוד איך כל העולם כולו בטעותים גדולים והיו הולכים ונוסעים בעולם ובכל מקום שבאו מצאו את העולם בטעות. ודבר המלך הנ״ל נעשה אצלם למשל. ובכל מקום שמצאו העולם בטעות. לקחו את המלך למשל כמו שזה אמת שיש מלך כן הדבר הזה. והיו הולכים ונוסעים עד שכלה מה שבידם והתחילו למכור סוס א׳. ואח״כ הב׳. עד שמכרו כולם. עד שהוכרחו לילך רגלי. ותמיד היו חוקרים העולם. ומצאו שהעולם בטעות. ונעשו עניים הולכי רגלי. ונסתלק חשיבותם. ולא היו נחשבים כלל כי לא היו משגיחים עליהם כלל על אביונים כמותם. ונתגלגל הדבר והיו הולכים וסובבים עד שבאו אל העיר שדר בה המיניסטיר הנ״ל (שהוא התם חבירו של החכם הנ״ל) ושם באותה העיר היה בעל שם אמיתי והיה חשוב מאד כי עשה דברים נפלאים. ואפילו בין השרים היה חשוב ומפורסם ואלו החכמים באו לאותה העיר. והלכו וסבבו ובאו לפני בית הבע״ש וראו שהיו עומדים שם כמה עגלות. ארבעים וחמשים. עם חוליים. וסבר החכם ששם דר דאקטיר והיה רוצה ליכנס לביתו מחמת שגם הוא היה דאקטיר גדול ורצה ליכנס לעשות היכרות עמו.

שון גָאר נִיט חשוב גְוֶועזְן. אוּן מֶען הָאט זִיךְ שׁוֹן אוֹיף זֵייא גָאר נִיט אוּם גְקוּקְט. אוּף אַזוֹגֶע קַבְּצָנִים. זֶענֶען זֵייא אַזוֹ אוּסִין גְוֶועזְן אוּף דֶער וֶועלְט בִּיז סֶע אִיז אוּס גְקוּמֶען. אַז זֵיי זֶענֶען גְקוּמֶען צוּ דֶער שְׁטָאט וָואס דָארְט ווֹאנְט דֶער מִינִיסְטֶער הנ״ל (דהיינו דֶער תָּם זַיין חבר פוּן דֶעם חכם כנ״ל) אוּן דָארְט אִין דֶער שְׁטָאט אִיז גְוֶועזְן אֵיין אֱמֶתִיר בַּעל שֵׁם. אוּן דֶער בַּעל שֵׁם אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב גְוֶועזְן. וָוארִין עֶר הָאט גְטָאן וִוילְדֶע זַאכִין בֶּאמת אוּן אֲפִילוּ צְווִישְׁן שָׂרָרוֹת אִיז עֶר גְוֶועזְן אַמפורסם אוּן אִיז בַּיי זֵיי חשוב גְוֶועזְן. אוּן דִי חכמים זֶענֶען גְקוּמֶען אִין דֶער שְׁטָאט אַרַיין. אוּן זֵיי זֶענֶען אַרוּם גְגַאנְגֶען. אוּן זֶענֶען אָן גְקוּמֶען פַאר דֶער שְׁטוּבּ פוּן דֶעם בעל שם הָאבִּין זֵייא גְזֶעהְן סֶע שְׁטֵייט דָארְט אַסַךְ וֶועגְלִיךְ מִיט חוֹלִיים. פֶערְצִיג אָבֶּער פוּפְצִיג. הָאט דֶער חכם גְמֵיינְט. אַז דָארְט ווֹאנְט אַדָאקְטֶער. הָאט עֶר גְוָואלְט צוּא אִים אַרַיין גֵיין. מחמת עֶר אִיז זִיךְ אוּךְ גְוֶועזְן אֵיין גְרוֹסֶער דָאקְטֶער. הָאט עֶר גְוָואלְט אַרַיין גֵיין. עֶר זָאל זִיךְ מִיט אִים דֶער קֶענֶען. הָאט עֶר גְפְרֶעגְט. וֶוער ווֹאנְט דָא. הָט מֶען אִים גֶענְפֶערְט. אַבּעל שֵׁם. הָאט עֶר גְטָאן אַגרוֹס גְלֶעכְטֶער. אוּן הָאט גְזָאגְט צוּם אַנְדֶערְן (דהיינו צוּם חכם דֶער שליח) דָאס אִיז נָאךְ אַלִיגְן אוּן אַנַארִישְׁקֵייט. דָאס אִיז נָאךְ מֶער נַארִישְׁקֵייט אֵיידֶער דֶער טָעוּת פוּן דֶעם מלךְ. בְּרוּדֶער אִיךְ וֶועל דִיר דֶער צֵיילִין דָאס פַאלְשְׁקֵייט. וִויא אַזוֹ דִיא וֶועלְט אִיז אִין טעות אוּן אַזוֹ אַלִיגְן. דֶער וַוייל זֶענֶען זֵייא הוּנְגֶערִיק גְוֶועזְן. הָאבִּין זֵייא בַּייא זִיךְ נָאךְ גְפוּנֶען דְרַייא פִיר גְרָאשְׁן. זֶענֶען זֵייא גְגַאנְגֶען אִין דֶער גָאר קֶעךְ אַרַיין. אוּן דָארְט קְרִיגְט מֶען עֶסְן אֲפִילוּ פַאר דְרַייא פִיר גְרָאשְׁן. אוּן הָאבְּן זִיךְ גְהֵייסְן גִיבְּן עֶסְן. הָאט מֶען זֵייא גִיגִיבְּן. דֶער וַוייל ווִי זֵייא הָאבְּן גִיגֶעסְן. הָאבְּן זֵיי גְשְׁמוּסְט אוּן הָאבְּן גְשְׁפֶּעט פוּן דֶעם לִיגְן אוּן פוּן דֶעם טָעוּת פוּן דֶעם בעל שם. (וִויא דִי וֶועלְט אִיז זִיךְ טוֹעה) אוּן דֶער גָאר קֶעכֶער הָאט גְהֶערְט זֵייעֶרֶע רֵייד. הָאט עֶס אִים זֵייעֶר פַּר דְרָאסְן וָוארְן דֶער בַּעל שֵׁם אִיז דָארְט



117

גם ראה שדברי ברורים ומבוררים שבוודאי אין מלך כלל. כי הלא אפילו אתה לא ראית את המלך מעולם. שוב שאל החכם השליח. א״כ מי מנהיג המדינה. השיב החכם הא׳. זאת. אני אספר לך הבירור. כי ממני תשאל כי אני בקי בזה. כי הייתי משוטט במדינות והייתי במדינת אטליא. וכך המנהג שיש שבעים שרי יועצים שקורין (ראטהיירין) והם עולים ומנהיגים המדינה זמן מיוחד. ועם זה השררות חולקין עצמן כל בני המדינה בזה אחר זה. והתחילו דבריו לכנוס באזני החכם השליח עד שהסכימו וגזרו שבוודאי אין מלך בעולם כלל. שוב ענה החכם הא׳. המתן עד הבוקר. אברר לך עוד בבירור אחר בירור שאין מלך בעולם כלל. וישכם החכם הא׳ בבוקר (החכם שהוא חבירו של התם אנו קוראים אותו תמיד בשם החכם הא׳). והקיץ את חבירו החכם השליח. ואמר לו בא עמי אל החוץ ואראך הדבר בבירור איך העולם כולו בטעות. ובאמת אין מלך כלל וכולם בטעות גדול. והלכו בשוק. וראו איש חיל א׳ ותפסו אותו ושאלו אותו למי אתה עובד. השיב. את המלך (שאלו אותו) הראית את המלך מימיך. לאו. ענה ואמר. ראה היש שטות כזה. שוב הלכו אל אדון א׳ מן החיל. ונכנסו עמו בדברים עד ששאלוהו. למי אתה עובד. את המלך.

הָאבְּן אִים גְפְרֶעגְט וֶועמֶען דינְסְטוּ. הָאט עֶר גֶעֶנְפֶערְט. דֶעם מלך. הָאסְטוּ גְזֶעהְן דֶעם מלך זינְט דוּ לֶעבְּסְט. עֶנְפֶערְט עֶר. נֵיין. הָאט עֶר זיךְ אָן גרוּפְן (דהיינו דֶער עֶרְשְׁטֶער חכם דֶער חבר פוּן דֶעם תם. אים רוּפְן מִיר אַלְץ דֶער עֶרְשְׁטֶער חכם) אוּן הָאט גְזָאגְט. זֶע. אִיז דָא אַזוֹ אֵיין נַיירִישְׁקֵייט (כלומר דֶער סָאלְדַאט דינְט דֶעם מֶלֶךְ אוּן עֶר קָאן אִים נִיט. וָוארְן דֶער חכם הָאט אַלְץ גְוָואלְט מִיט זַיין נַיירִישֶׁער חכמה דְרוּנְגֶען אַז סֶע אִיז גָאר קֵיין מלך נִיט דָא כנ״ל) נָאךְ דֶעם זֶענֶען זֵייא וִוידֶער גְגַאנְגֶען צוּא אֵיין אָפִיצִיר פוּן דֶעם חיל. אוּן זֵיי זֶענֶען מִיט אִים אַרַיין גְגַאנְגֶען אִין רֵייד בִּיז זֵיי הָאבְּן אִים גְפְרֶעגְט. וֶועמֶען דינְסְטוּ. הָאט עֶר גֶעֶנְפֶערְט. דֶעם מלך. הָאסְטוּ גְזֶעהְן דֶעם מלך. נֵיין. הָאט עֶר זיךְ אָן גרוּפֶען. אדרבא. הָאט זֶעה מִיט דִיא אוֹגְן. אַז זֵייא זֶענֶען אַלֶע זיךְ טוֹעה. אוּן סֶע אִיז קֵיין מלך נִיט דָא (וָוארְן דֶער אָפִיצִיר הָאט אוֹךְ נִיט גְזֶעהְן דֶעם מלך) אִיז צְוִויישֶׁן זֵיי גְבְּלִיבְּן אַז סֶע אִיז קֵיין מלך נִיט דָא. הָאט זיךְ דֶער עֶרְשְׁטֶער חכם אָן גרוּפְן. קוּם לָאמִיר פָארְן אוֹף דֶער וֶועלְט. וֶועל אִיךְ דִיר נָאךְ וַויזְן וִוי דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז זיךְ זֵייעֶר טוֹעה אִין גְרוֹסֶע נַיירִישְׁקֵייט. זֶענֶען זֵיי גְגַאנְגֶען אוּן זֶענֶען גְפָארְן אוֹף דֶער וֶועלְט. אוּן אוּמִידוּם וִויא זֵייא זֶענֶען גְקוּמֶען הָאבְּן זֵיי אַלְץ גְפוּנֶען דִי וֶועלְט אִין טָעוּת (כלומר דִי חכמים זֶענֶען דוּרְךְ זֵייעֶר חכמה פַאר גַאנְגֶען אִין אַזוֹנֶע נַארִישְׁקֵייט בִּיז זֵיי הָאט זיךְ גְדַאכְט אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אַלְץ אִין טָעוּת) אוּן דִיא זַאךְ פוּן דֶעם מֶלֶךְ (כלומר דָאס וָואס בַּיי זֵייא אִיז גְוֶועזְן אָפּ גְקְלֶערְט אַז סֶע אִיז קֵיין מלך נִיט דָא) דָאס אִיז שׁוֹן בַּיי זֵיי גְוָוארִין פַאר אַמשל. אוּן וִוי זֵיי הָאבְּן גְפוּנֶען דִי וֶועלְט אִין טָעוּת. הָאבְּן זֵיי גְנוּמֶען דֶעם מלך פַאר אַמשל. אַזוֹ וִוי דָאס אִיז ·אמת אַז סֶע אִיז דָא אַמֶלֶךְ. אַזוֹ אִיז דָאס אוֹךְ. זֶענֶען זֵיי אַזוֹ אוּסִין גְוֶועזְן דִי וֶועלְט אוּן זֶענֶען גִיפָארִין. בִּיז סֶע אִיז בַּייא זֵיי אוּס גִיגַאנְגֶען וָאס זֵיי הָאבְּן גְהַאט. הָאבְּן זֵיי אָן גְהוֹבִּין צוּ פַאר קוֹפִין אֵיין פֶערְד. אוּן דֶער נָאךְ דָאס אַנְדֶרֶע. בִּיז זֵיי הָאבִּין אַלֶע פַאר קוֹפְט. בִּיז זֵייא הָאבְּן גְמוּזְט גֵיין צוּ פוּס. אוּן תָּמִיד הָאבְּן זֵיי אַלְץ גְקְלֶערְט דִי וֶועלְט. אוּן הָאבִּין גִיפוּנֶען אַלְץ אַז דִיא וֶועלְט אִיז אִין טעוּת. אוּן זֵיי זֶענֶען גְוָוארִין קַבְּצָנִים פוּס גֵייעֶרְס. אוּן זֵייא זֶענֶען

שדברו על הבע״ש. והכה אותם הפקיד הכה ופצוע ודחפם מביתו. והלכו מזה לזה ממושל למושל גבוה ממנו עד שבאו לפני המיניסטיר הנ״ל. ושם לפני בית המיניסטיר עומדים אנשי חיל דהיינו (וואכין) והודיעו להמינסטר שאיש אחד צריך אליו. וצוה שיכנוס. ובא אותו החכם לפני המיניסטר. ותיכף בבואו הכירו המיניסטיר שזהו החכם חבירו כנ״ל. והחכם לא הכירו. מחמת שהיה בגדולה כזו. ותיכף התחיל המיניסטיר ודיבר אליו ראה תמימותי למה שהביא אותי לגדולה כזו. ואל מה חכמתך הביאה אותך. ענה החכם ואמר. מאחר שאתה הוא חבירי התם. מזה נספר אח״כ. לעת עתה תן לי משפט על שהכו אותי. שאלו למה. השיבו בשביל שדברתי על הבע״ש. שהוא שקר ומרמה גדולה. ענה התם המיניסטיר ואמר עדיין אתה אוחז בחכמות שלך. ראה. אתה אמרת שאתה יכול לבא על שלי בקל. ואני לא אוכל לבא על שלך. ראה שאני כבר באתי על שלך כנ״ל. ואתה עדיין לא באת על שלי. ואני רואה שזה קשה יותר שאתה תבא על תמימות שלי.//ואף על פי כן. מחמת שהיה מכיר בו מכבר בגדולתו. צוה לתת לו בגדים להלבישו. ובקשו שיאכל עמו. בשעת אכילתם. התחילו לדבר יחד. התחיל החכם להוכיח לו דעתו הנ״ל. שאין מלך כלל גער בו התם המיניסטיר הלא אני בעצמי ראיתי את מלך. השיב לו החכם בשחוק.

מֶען הָאט זֵיי גוּט גְשְׁלָאגְן אַלֶע מָאל) בִּיז זֵיי זֶענֶען גְקוּמֶען פַאר דֶעם מִינִיסְטֶער (דָאס אִיז גֶוֶוען דֶער תּם כנ״ל) אוּן דָארְט פַאר דֶעם מִינִיסְטֶער זֶענֶען גְשְׁטַאנֶען וַואכְן. הָאט מֶען גְמֶעלְדֶעוֶועט פַאר דֶעם מִינִיסְטֶער. אַז אַמֶענְשׁ בַּדַארְף צוּ אִים. הָאט עֶר גְהֵייסְן אַז עֶר זָאל אַרַיין גֵיין. אִיז דֶער חכם גְקוּמֶען פַאר דֶעם מִינִיסְטֶער ווִי עֶר אִיז אַרַיין גְקוּמֶען. הָאט אִים דֶער מִינִיסְטֶער תיכף דֶער קֶענְט. אַז דָאס אִיז דֶער חכם זַיין חבר. אוּן דֶער חכם הָאט אִים נִיט דֶער קֶענְט. מחמת עֶר אִיז הַיינְט אִין אַזוֹ אַגְדוּלָה. הָאט תֵּיכֶף דֶער מִינִיסְטֶער אָן גְהוֹבְּן צוּא אִים צוּ רֵיידְן. אוּן עֶר הָאט צוּ אִים גְזָאגְט זֶעה. צוּ וָואס. מַיין תמימות. הָאט מִיךְ גְבְּרַאכְט צוּ אַזוֹ אֵיין גְדוּלָה. אוּן צוּ וָואס. דַיין חכמה. הָאט דִיךְ גְבְּרַאכְט. הָאט זִיךְ דֶער חכם אָן גְרוּפְן אוּן הָאט גְזָאגְט. אַז דוּא בִּיסְט דָאס. מַיין חבר דֶער תּם. דֶער פוּן וֶועלְן מִיר שְׁפֶּעטֶער שְׁמוּסְן. לעת עתּה. גִיבּ מִיר אַמִשְׁפּט. נָאךְ וָואס מֶען הָאט מִיךְ גְשְׁלָאגְן. פְרֶעגְט עֶר אִים. פַאר וָואס הָאט מֶען דִיךְ גְשְׁלָאגְן. עֶנְפֶערְט עֶר אִים. הָאט וַוייל אִיךְ הָאבּ גְרֶעט אוֹף דֶעם בעל שם. וָואס עֶר אִיז אַלִיגְנֶער. אוּן דָאס אִיז גָאר אַשְׁווִינְדֶל. רוּפְט זִיךְ אָן דֶער תּם דֶער מִינִיסְטֶער צוּ אִים. נָאךְ הַאלְסְטוּ דִיךְ אִין דַיינֶע חכמות. זֶעה דוּא הָאסְט גְזָאגְט. אַז דוּ קָאנְסְט אוֹף מַיינֶעם קוּמֶען גָאר גְרִינְג. אוּן אִיךְ וֶועל אוֹף דַיינֶעם נִישְׁט קָאנֶען קוּמֶען הַיינְט זֶעה. אַז אִיךְ בִּין אוֹף דַיינֶעם שׁוֹן לַאנְג גְקוּמֶען. (וָוארְן דֶער תּם אִיז זִיךְ שׁוֹן גֶוֶוען אַגְרוֹסֶער חכם אוֹךְ כנ״ל) אוּן דוּ בִּיסְט נָאךְ נִיט גְקוּמֶען אוֹף מַיינֶעם. אוּן אִיךְ זֶעה. אַז דָאס אִיז שְׁוֶוערֶער. אַז דוּא זָאלְסְט קוּמֶען אוֹף מַיין תמימות. אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן פָּארְט. וַוייל דֶער תּם דֶער מִינִיסטער הָאט אִים גְקֶענְט פוּן לַאנְג אַז עֶר אִיז אַמָאל גְרוֹס גְוֶוען. הָאט עֶר אִים גְהֵייסְן גִיבְּן קְלֵיידֶער אַז מֶען זָאל אִים אָן טָאן. אוּן הָאט אִים גְבֶּעטְן אַז עֶר זָאל מִיט אִים עֶסְן. בשעת עֶסְן. הָאבְּן זֵיי אָן גְהוֹבְּן צוּ שְׁמוּסְן. הָאט אָן גְהוֹבְּן דֶער חכם אִים צוּ דְרִינְגֶען זַיין (נַיירִישֶׁע) דעה אַז סֶע אִיז גָאר קֵיין מלךְ נִיט דָא. הָאט אוֹף אִים דֶער תּם דֶער מִינִיסְטֶער אַגְשְׁרֵיי גְטָאן. וָואס זָאגְסְטוּ.

ושאל מי דר בכאן. השיבו בעל שם. וימלא פיו שחוק ואמר לחבירו זה הוא שקר וטעות נפלא מאד. וזה הוא שטות יותר מטעות של המלך. חבירי. אספר לך השקר הזה כמה וכמה העולם בטעות בשקר כזה. בתוך כך היו רעיבים ומצאו עדיין אצלם ג׳ ד׳ גדולים. והלכו אל בית התבשיל. שקורין גאר קעך. ושם מוצאים לאכול אפילו בעד ג׳ או ד׳ גדולים. וצוו ליתן להם מאכל. ונתנו להם. בתוך שהיו אוכלים היו מספרים ומתלוצצים מהשקר וטעות של דבר הבעל שם. והבעל הגאר קעך שמע דבריהם וחרה לו מאד. כי הבעל שם הי׳ חשוב שם מאד. ויאמר להם אכלו לכם מה שיש לפניכם וצאו מכאן אח״כ בא לשם בן הבע״ש. והם עדיין היו מתלוצצים מן הבע״ש בפני בנו. וגער בהם הבעל גאר קעך. על שהם מתלוצצים מן הבע״ש בפני בנו. עד שהכה אותם הכה ופצוע. ודחפם מביתו. וחרה להם מאד. ורצו לבקש משפט על המכה אותם. ונתיישבו לילך אל הבעה״ב שלהם שהניחו שם החבילות שלהם. להתייעץ עמו איך להשיג משפט על הנ״ל. ובאו וספרו לו שבעל הגאר קעך הכה אותם מאד. ושאל להם למה. וספרו לו שדיברו על הבעל שם. השיב להם. בודאי אינו יושר להכות בני אדם. אבל אתם לא עשיתם נכונה כלל שדברתם על הבע״ש. כי הבע״ש חשוב כאן מאד. וראו שאין בו ממש. וגם הוא בטעות והלכו ממנו אל הפקיד. והפקיד היה עכו״ם. וספרו לו המעשה שהכו אותם. שאל על מה. השיבו.

זֵייעֶר חָשוּב גְוֶוען. הָאט עֶר צוּ זֵיי גְזָאגְט. עֶסְט אַייךְ אָפּ וָואס אִיר הָאט אוּן גֵייט אַייךְ אַרוֹס פוּן דַאנֶעט. נָאךְ דֶעם אִיז אָן גְקוּמֶען אַהִין. אַזוּן פוּן דֶעם בַּעל שֵׁם. אוּן זֵיי הָאבְּן נָאךְ גְשְׁפֶּעט פוּן דֶעם בַּעל שֵׁם דֶעם זוּן אִין דִיא אוֹגְן. הָאט זֵיי דֶער גָאר קֶעכֶער אָן גְשְׁרִיגְן נָאךְ וָואס זֵיי שְׁפֶּעטְן פוּן דֶעם בַּעל שֵׁם דֶעם זוּן אִין דִיא אוֹגְן. בִּיז דֶער גָאר קֶעכֶער. הָאט זֵיי גְשְׁלָאגְן גַאנְץ שְׁטַארְק. אוּן הָאט זֵיי אַרוֹס גְשְׁטוּפְּט פוּן זַיין שְׁטוּבּ. הָאט עֶס זֵיי זֵייעֶר פַּאר דְרָאסְן. הָאבְּן זֵיי גְוָואלְט זוּכְן אַמִשְׁפָּט אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט זֵיי גְשְׁלָאגְן. הָאבְּן זֵיי זִיךְ מְיַישֵׁב גְוֶוען. זֵיי וֶועלְן גֵיין צוּ זֵייעֶר בַּעל הַבַּיִת. וָואס זֵיי הָאבְּן דָארְט אָפּ גְלֵייגְט זֵייעֶרֶע פֶּעקְלֶעךְ. זֵיי זָאלְן מִיט אִים אֵיין עֵצָה הַאלְטְן. וִויא אַזוֹ זֵיי זָאלְן דֶער לַאנְגֶען אַמִשְׁפָּט אוֹיף דֶעם גָאר קֶעכֶער וָואס עֶר הָאט זֵיי גְשְׁלָאגְן. זֶענֶען זֵייא גְגַאנְגֶען אוּן הָאבְּן זֵייעֶר בַּעל הַבַּיִת דָאס דֶער צֵיילְט אַז דֶער גָאר קֶעכֶער הָאט זֵייא זֵייעֶר גְשְׁלָאגְן הָאט עֶר זֵיי גְפְרֶעגְט פַּאר וָואס. הָאבְּן זֵיא אִים דֶער צֵיילְט. וַוייל זֵיי הָאבְּן גְרֶעט אוֹיף דֶעם בַּעל שֵׁם. הָאט זֵייא דֶער בַּעל הַבַּיִת גְעֶנְפֶרְט. סֶע אִיז אַוַודָאי קֵיין יוֹשֶׁר נִיט אַז מֶען זָאל שְׁלָאגְן מֶענְשְׁן. לוֹשְׁמִיר אִיר הָאט אָבֶער גָאר נִיט רֶעכְט גְטָאן. נָאךְ וָואס הָאט אִיר גְרֶעט אוֹיף דֶעם בַּעל שֵׁם. וָוארְן דֶער בַּעל שֵׁם אִיז דָא זֵייעֶר חָשוּב. הָאבְּן זֵייא גְזֶעהְן אַז עֶר אִיז אוֹיךְ אִין טָעוּת. זֶענֶען זֵיי פוּן אִים אַוֶועק גְגַאנְגֶען. אוּן זֶענֶען גְגַאנְגֶען צוּם פָּקִיד. אוּן דֶער פָּקִיד אִיז גְוֶוען אַגוֹי. הָאבְּן זֵיי אִים דֶער צֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה אַז מֶען הָאט זֵיי גְשְׁלָאגְן. הָאט עֶר גְפְרֶעגְט. פַּאר וָואס. הָאבְּן זֵיי גְזָאגְט. וַוייל זֵיי הָאבְּן גְרֶעט אוֹיף דֶעם בַּעל שֵׁם. הָאט זֵייא דֶער פָּקִיד אוֹיךְ גְהַרְגֶעת גְשְׁלָאגְן. אוּן הָאט זֵייא אַרוֹס גְשְׁטוּפְּט. זֶענֶען זֵייא פוּן אִים אַוֶועק גְגַאנְגֶען. אוּן זֶענֶען גְגַאנְגֶען צוּ אֵיין הֶעכֶערְן וָואס הָאט צוּא שַׁאפְן. אוּן הָאבְּן אַלְץ נִיט גְפּוֹעֶלְת קֵיין מִשְׁפָּט. אוּן זֶענֶען אַזוֹ אַלְץ גְגַאנְגֶען פוּן אֵיינֶעם צוּם אַנְדֶערְן. אַלֶע מָאל צוּ אֵיין הֶעכֶערְן (אוּן הָאבְּן אַלְץ נִיט גְפּוֹעֶלְת נָאר

מרמה זו כדי להפחיד אותי. ועמד ושאל לאותו שבא בשבילם. ומה הוא דמותו של זה ששלח אחרינו איזה פנים יש לו ואיזה מראה יש לשערות שלו וכו׳ כיוצא. השיב לו כך וכך. ענה החכם ואמר. ראה. זה הוא מראה אחי הנ״ל. אמר לו התם. התלך עמם. השיב. הן. רק שתתן עמי. איזה אנשי חיל שיהיו (זלאגא)כדי שלא יצערו אותי ונתן לו זלאגא. והלכו הב׳ חכמים הנ״ל עם אותו האיש שבא בשבילם. וחזרו החיל. ושאל אותם התם המיניסטיר. היכן הם החכמים הנ״ל. השיבו אינם יודעים כלל איך נעלמו. והנ״ל (היינו הטייוויל) חטף אותם את החכמים האלו הנ״ל. והביא אותם אל רפש וטיט ושם היה יושב הטייוויל על כסא בתוך הרפש והשליכו את החכמים הנ״ל בתוך הרפש. והרפש הי׳ עב ודבוק כמו דבק ממש שקודין קליי׳ ולא היו יכולים לזוז עצמן כלל בתוך הרפש. וצעקו (אלו החכמים לאלו שהיו מייסרים אותם דהיינו הטייוויל ואנשיו) רשעים על מה אתם מייסרים אותנו וכי יש טייוויל בעולם. אתם רשעים מייסרים אותנו בחנם. (כי אלו החכמים הנ״ל עדיין לא האמינו שיש טייוויל רק אמרו שאנשים רשעים מייסרים אותם בחנם) והיו מונחים אלו הב׳ חכמים בתוך עובי הרפש והיו חוקרים מה זאת. אין זאת רק שאנשים פוחזים שהיינו מתקוטטים עמהם איזה פעם ועתה הם מייסרים אותנו כ״כ.

ענְפֶערְט עֶר אִים. אִיךְ וֶועל דִיר דֶער צֵיילְן אִיךְ הָאבּ אַבְּרוּדֶער וָואס עֶר אִיז אוֹיף מִיר בְּרוֹגֶז. הָאט עֶר עֶס גְמַאכְט דֶעם אָן שְׁטֶעל כְּדֵי עֶר זָאל מִיךְ אִיבֶּער שְׁרֶעקְן. אוּן דֶער חכם הָאט זִיךְ אוֹיף גְהוֹבְּן. אוּן הָאט גְפְרֶעגְט דֶעם וָואס עֶר אִיז גְקוּמֶען נָאךְ זֵייא. וָואס פַאר אַפָּנִים הָאט דֶער דָאזִיגֶער וָואס עֶר הָאט גְשִׁיקְט נָאךְ אוּנְז. וָואס אַפַארְבּ הָאבְּן זַיינֶע הָאר וכו׳ אוּן אַזוֹ אַנְדֶערֶע זַאכְן הָאט עֶר אִים גְעֶנְפֶּרְט. אַזוֹ אוּן אַזוֹ. רוּפְט זִיךְ אָן דֶער חכם אוּן זָאגְט. זֶע. הָאט דָאס אִיז דָאס גְשְׁטַאלְט פוּן מַיין בְּרוּדֶער. זָאגְט אִים דֶער תם. וֶועסְטוּ זֶע גֵיין מִיט זֵיי. ענְפֶּערְט עֶר יוֹא. אִיךְ וֶועל גֵיין מִיט זֵיי. נָאר דוּא זָאלְסְט מִיר גִיבְּן עֶטְלִיכֶע זֶעלְנֶער אוֹיף אַזַאלַאגָא כְּדֵי מֶען זָאל מִיר קֵיין יְסוּרִים נִיט אָן טָאן. הָאט עֶר אִים גִיגֶבְּן אַזַאלַאגָא. זֶענֶען דִיא צְוֵוייא חכמים הנ״ל גְגַאנְגֶען מִיט דֶעם וָואס עֶר אִיז גְקוּמֶען נָאךְ זֵייא (דהיינו מִיט דֶעם טַייְוול. וָוארְן זֵייא הָאבְּן נִיט גְוָואלְט גְלֵייבְּן אַז דָאס אִיז דֶער טַייְוול כנ״ל) הָאבְּן זִיךְ דִיא זֶעלְנֶער פוּן דֶער זַאלַאגָא אוּם גְקֶערְט. פְרֶעגְט זֵיי דֶער תם דֶער מִינִיסְטֶער וִוי זֶענֶען דִי חכמים. הָאבְּן זֵיי גְעֶנְפֶערְט. זֵיי וֵוייסְן גָאר נִיט וִוי זֵייא זֶענֶען אַהִין גְקוּמֶען. אוּן דֶער (דהיינו דֶער שליח פוּן דֶעם טַייְוול) הָאט גְחַאפְּט דִיא חכמים אוּן הָאט זֵייא אַרַיין גְטְרָאגְן אוּן אַבְּלָאטֶע אַרַיין מִיט אַלֵיים. אוּן דָארְטְן אִיז גְזֶעסְן דֶער טַייְוול אוֹיף אַשְׁטוּל אִין דֶער בְּלָאטֶע. אוּן דִיא בְּלָאטֶע אִיז גְוֶועז גְרָאבּ אוּן גִידִיכְט אַזוֹ וִוי אַקְלֵייעַ פוּנְקְט. אוּן דִיא חכמים הָאבְּן זִיךְ גָאר נִיט גְקֶענְט רִירְן אִין דֶער בְּלָאטֶע. אוּן דִי חכמים הָאבְּן גְשְׁרִיגְן. רשעים פַאר וָואס טוּט אִיר אוּנְז אָן יסוּרים. אִיז דֶען דָא אַטַייְוול אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיר זֶענְט רשעים אִיר טוּט אוּנְז אָן יְסוּרִים אוּם זִיסְט (וָוארְן דִיא חכמים הָאבְּן נָאךְ נִישְׁט גְוָואלְט גְלֵייבְּן אַז סֶע אִיז פַאר הַאנְדְן אַטַייְוול. נָאר זֵייא הָאבְּן גְזָאגְט אַז מֶענְטְשְׁן רשעים טוּהְן זֵיי אָן יְסוּרִים אוּם זִיסְט) זֶענֶען גְלֶעגְן דִיא צְוֵויי חכמים אִין דֶער גְזִ׳יכְטֶער בְּלָאטֶע. אוּן הָאבְּן גְקְלֶערְט. וָואס אִיז דָאס. דָאס אִיז אַנְדֶערְשׁ נִיט נָאר דִי הוּלְטַייאֶס וָואס מִיר הָאבְּן זִיךְ אַמָאל מִיט זֵייא גְקְרִיגְט. טוּהְן זֵייא אוּנְז אָן הַיינְט אַזוֹנֶע יְסוּרִים. זֶענֶען דִי חכמים דָארְט גְלֶעגְן אִין דֶער בְּלָאטֶע כמה שנים. אוּן מֶע הָאט זֵיי דָארט אָן

אתה יודע בעצמך שזה היה המלך. אתה מכיר אותו. ואת אביו ואת זקינו שהיו מלכים. מאין אתה יודע שזה מלך אנשים הגידו לך שזה מלך. ורימו אותך בשקר. וחרה להתם מאד מאד על דבר המלך על שהוא כופר במלך. בתוך כך בא אחד ואמר העזאזל דהיינו (הטייוויל) שלח אחריכם, ונזדעזע התם מאד מאד. ורץ וסיפר לאשתו בפחד גדול באשר שהנ"ל שלח אחריו. ויעצה לו אשתו לשלוח עבור הבע"ש. ושלח אחריו. ובא הבע"ש ונתן לו קמיעות ושמירות. ואמר לו שעתה לא יפחד כלל והיה לו אמונה גדולה בזה. והיו יושבים עוד החכם והתם הנ"ל ושאל החכם אותו על מה נפחדת כל כך. אמר לו בשביל הנ"ל ששלח אחרינו. שחק ממנו. אתה מאמין שיש טייוויל. השיב לו. וא"כ מי הוא זה ששלח אחרינו. ענה החכם ואמר. בוודאי זהו אחי שרצה שיתראה עמי ושלח אחרי במרמה זו. שאל אותו התם. א"כ איך עבר על כל הווארטיש. השיבו בוודאי שיחד אותם והם אומרים במרמה ושקר שלא ראו אותו כלל. בתוך כך חזר ובא אחד ואמר כנ"ל. שהטייוויל שלח אחריהם. והתם לא נזדעזע עתה ולא היה לו שום פחד כלל מחמת השמירה של הבע"ש כנ"ל. ענה ואמר להחכם. עתה מה אתה אומר. אמר אודיע לך. שיש לי אח שהוא עמי בכעס ועשה

אִיךְ אַלֵיין הָאבּ זִיךְ גְזֶעהְן דֶעם מלך. עֶנְפֶערְט אִים דֶער חכם מִיט גְלֶעכְטֶער. דוּא וֵוייסְט אַלֵיין אַז דָאס אִיז גְוֶוען דֶער מלך. דוּא קֶענְסְט אִים. דוּא הָאסְט גְקֶענְט זַיין טַאטְן זַיין זֵיידְן אַז זֵייא זֶענֶען גְוֶוען מלכים. פוּן וַואנֶעט וֵויסְטוּ אַז דָאס אִיז גְוֶוען דֶער מלך. מֶענְשְׁן הָאבְּן דִיר גְזָאגְט אַז דָאס אִיז דֶער מלך. זֵיי הָאבְּן דִיךְ אָפּ גְנַיירְט. הָאט דָאס דֶעם תם זֵייעֶר פַאר דְרָאסְן. אוֹיף דֶעם וָואס עֶר לֵייקְנְט אִין דֶעם מלך. דֶער וַוייל. אִיז אֵיינֶער אָן גְקוּמֶען אוּן הָאט גְזָאגְט. דֶער טַייוְול הָאט נָאךְ אַייךְ גְשִׁיקְט. אִיז דֶער תַּם זֵייעֶר דֶער צִיטֶערְט גְוָוארְן. אוּן אִיז גְלָאפְן אוּן הָאט דֶער צֵיילְט זַיין וַוייבּ מִיט גְרוֹס פחד באשר דֶער טַייוְול הָאט נָאךְ אִים גְשִׁיקְט הָאט זִיא אִים אֵיין עצה גִיגִיבְּן. אַז עֶר זָאל שִׁיקְן נָאךְ דֶעם בעל שם. הָאט עֶר נָאךְ אִים גִישִׁיקְט. אִיז דֶער בעל שם גְקוּמֶען אוּן הָאט אִים גִיגִיבְּן קמיעות אוּן שמירות אוּן הָאט אִים גְזָאגְט אַז הַיינְט וֶועט עֶר זִיךְ שׁוֹן גָאר נִיט שְׁרֶעקְן. הָאט עֶר דְרִינֶען גְהַאט גְרוֹס אמונה. דֶער נָאךְ זֶענֶען זֵיי וַוייטֶער גְזֶעסְן אִין אֵיינֶעם דֶער תם מִיט דֶעם חכם. פְרֶעגְט אִים דֶער חכם. וָואס הָאסְטוּ זִיךְ אַזוֹ אִיבֶּער גְשְׁרָאקְן. הָאט עֶר אִים גְעֶנְפֶערְט. אִיבֶּער דֶעם טַייוְול וָואס עֶר הָאט נָאךְ אוּנְז גְשִׁיקְט. הָט דֶער חכם אוֹס אִים גְלַאכְט. אוּן הָאט גְזָאגְט צוּ אִים דוּא גְלֵייבְּסְט אַז סֶע אִיז פַאר הַאנְדְן אַטַייוְול. פְרֶעגְט אִים דֶער תם דֶער מִינִיסטֶער. וֶוער זֶע דֶען הָט נָאךְ אוּנְז גְשִׁיקְט. עֶנְפֶערְט אִים דֶער חכם. הָאט דָאס אִיז בוודאי פוּן מַיין בְּרוּדֶער. עֶר הָאט גְוָואלְט אַז עֶר זָאל זִיךְ מִיט מִיר זֶעהְן. הָאט עֶר עֶס אוֹיף גְשְׁטֶעלְט. אוּן הָאט נָאךְ מִיר גְשִׁיקְט מִיט דֶעם אָן שְׁטֶעל. פְרֶעגְט אִים דֶער תם. אַז סֶע אִיז יוֹא אַזוֹ. וְוִי אַזוֹ אִיז עֶר אַרִיבֶּער אִיבֶּער אַלֶע וַוארְטֶעס. עֶנְפֶערְט עֶר אִים. עֶר הָאט זֵיי בוודאי משחד גְוֶוען. אוּן זֵייא זָאגְן אִין מִיסְטֶנֶע אַלִיגְן אַז זֵייא הָאבֶּן אִים גָאר נִיט גְזֶעהְן. דֶער וַוייל קוּמְט ווִידֶער אֵיינֶער אוּן זָאגְט ווִידֶער אַזוֹ. דֶער טַייוְול הָאט נָאךְ אַייךְ גְשִׁיקְט. אוּן דֶער תם הָאט זִיךְ אִיצְט שׁוֹן גָאר נִיט גְשְׁרָאקְן אוּן עֶר הָאט קֵיין שׁוּם פחד שׁוֹן נִיט גְהַאט. מחמת דִי שמירות וָואס עֶר הָאט גְנוּמֶען בַּאם בעל שם. רוּפְט עֶר זִיךְ אָן (דהיינו דֶער תם) אוּן זָאגְט צוּם חכם. נָא הַיינְט. וָואס זָאגְסְטוּ.

והיו מתייסרים שם בעינויים גדולים כמה שנים. פ״א. עבר התם המיניסטר הנ״ל לפניִ בית הבע״ש. ונזכר בחבירו החכם. ונכנס אל הבע״ש. והטה עצמו אליו כדרך השרים. ושאל אותו אם אפשר שיראה אותו (היינו את החכם הנ״ל) ואם יוכל להוציאו משם. ואמר אל הבע״ש. האתם זוכרים את החכם ששלח הטייוויל ונשאו ומאותו היום לא ראיתיו. השיבו הן. ובקש ממנו שיראה לו מקומו ויוציאו משם. ואמר לו הבע״ש בוודאי אני יכול להראות לך מקומו ולהוציאו. רק שלא ילכו כ״א אני ואתה. והלכו יחד. ועשה הבע״ש מה שידע ובאו לשם וראה שהם מונחים בעובי טיט ורפש. וכשראה החכם את המיניסטיר צעק אליו. אחי. ראה. שהם מכים ומענים אותי כ״כ הרשעים הללו בחנם. גער בו המיניסטיר עדיין אתה אוחז בחכמות שלך. ואין אתה מאמין בשום דבר. ולדבריך אלו הם אנשים. עתה ראה הלא זה הוא הבע״ש שהיית כופר בו והוא דייקא יכול להוציאכם (והוא יראה לכם האמת) וביקש התם המיניסטר הנ״ל מן הבע״ש שיוציאם ויראה להם שזהו טייוויל ואינם אנשים ועשה הבע״ש מה שעשה. ונשארו עומדים על היבשה ולא היה שם רפש כלל. ואלו המזיקים הנ״ל

גְטָאן ווִילְדֶע יְסוּרִים מִיט ווִילְדֶע עִנוּיִים. אַמָאל אִיז דֶער תַּם דֶער מִינִיסטֶער פִּיר גְגַאנְגֶען פַאר דֶער שְׁטוּב פוּן דֶעם בַּעַל שֵׁם. הָאט עֶר זִיךְ דֶער מַאנְט אִין זַיין חבר אִין דֶעם חכם. אוּן אִיז אַרַיין גְגַאנְגֶען צוּם בַּעַל שֵׁם. אוּן הָאט זִיךְ צוּ אִים גְנֵייקְט. אַזוֹ ווִי דֶער סדר אִיז אוּן הָאט אִים גְפְרֶעגְט. אוֹבּ סֶע אִיז מִיגְלִיךְ. אַז עֶר זָאל אִים ווַיזְן דֶעם חכם אוּן אוֹבּ עֶר קָאן אִים אַרוֹס נֶעמֶען אוּן דֶער תַּם דֶער מִינִיסטֶער הָאט גְזָאגְט צוּם בַּעַל שֵׁם גֶדֶענְקְט אִיר דֶעם חכם וָואס דֶער טַייְוּול הָאט גְשִׁיקְט נָאךְ אִים אוּן הָאט אִים אַוֶועק גְטְרָאגְן אוּן פוּן דֶעמוּלְט אָן הָאבּ אִיךְ אִים נִיט גְזֶעהְן. הָאט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם גְעֶנְפֶרְט יוֹא אִיךְ גֶדֶענְק. הָאט אִים דֶער תַּם דֶער מִינִיסטֶער גְבֶּעטְן אַז עֶר זָאל אִים ווַייזְן דָאס אוֹרְט ווּ דֶער חכם אִיז אוּן זָאל אִים אַרוֹס נֶעמֶען פוּן דָארְט הָאט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם גְזָאגְט. אִיךְ קָאן בּוודאי דִיר ווַייזְן זַיין אוֹרְט. אוּן קֶען אִים אַרוֹס נֶעמֶען נָאר סֶע זָאל מֶער נִישְׁט גֵיין נָאר אִיךְ אוּן דוּ. זֶענֶען זֵיי בֵּיידֶע גְגַאנְגֶען. הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם גְטָאן וָואס עֶר הָאט גְווּסְט. זֶענֶען זֵיי אַהִין גְקוּמֶען הָאט עֶר גְזֶעהְן וִי זֵיי לִיגְן דוֹרְט אִין דֶער גֶדֶעכְטֶער בְּלָאטֶע אִין לֵיים. ווִי דֶער חכם הָט דֶער זֶעהְן דֶעם תַּם דֶעם מִינִיסטֶר. הָאט עֶר צוּ אִים גְשְׁרִיגְן בְּרוּדֶער. זֶע. זֵיי שְׁלָאגְן מִיךְ. אוּן דִי הוּלְטַייאֶס פַּיינִיקְן מִיךְ אַזוֹ שְׁטַארְק אוּם זִיסְט. הָאט אוֹף אִים דֶער מִינִיסטֶער אַגִישְׁרֵי גְטָאן. נָאךְ הַאלְסְטוּ זִיךְ אִין דַיינֶע חכמות אוּן ווִילְסְט נִיט גְלֵייבְּן אִין קֵיין שׁוּם זַאךְ. אוּן דוּ זָאגְסְט אַז דָאס אִיז מֶענְשְׁן. הָאט הַיינְט זֶעה. הָאט דָאס אִיז דֶער בַּעַל שֵׁם וָואס דוּ הָאסְט אִין אִים גְלֵייקְנְט. וֶועט מֶען דִיר ווַייזְן אַז דייקא נָאר עֶר קָאן אַייךְ אַרוֹס נֶעמֶען (אוּן עֶר וֶועט אַייךְ ווַיזְן דֶעם אמת) הָאט דֶער תַּם דֶער מִינִיסטֶער גְבֶּעטְן דֶעם בַּעַל שֵׁם. אַז עֶר זָאל זֵיי אַרוֹס נֶעמֶען אוּן זָאל זֵיי ווַייזְן אַז דָאס אִיז אַטַייְוּול אוּן סֶע אִיז נִיט קֵיין מֶענְשְׁן. הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם גְטָאן וָואס עֶר הָאט גְטָאן. זֶענֶען זֵיי גְבְּלִיבְּן שְׁטֵיין אוֹף דֶער יבשה (דהינו אוֹף דֶער טְרִיקֶענִישׁ) אוּן סֶע דוֹרְט גָאר קֵיין בְּלָאטֶע נִיט גֶוֶועןְ. אוּן דִיא מזיקים זֶענֶען גְוָוארְן עפרא בעלמא (דהיינו זֵייא זֶענֶען גָאר עֶרְד גְוָוארְן) דֶעמוּלְט הָאט עֶרְשְׁט דֶער חכם דֶער זֶעהְן דֶעם אמת אוּן עֶר הָאט גְמוּזְט מוֹדה זַיין אוֹף אַלִימֶען אַז סֶע אִיז יוֹא דָא אמלךְ אוּן סֶע אוּז יוֹא דָא אֵיין אמתיר בַּעַל שֵׁם וכו׳:

**נעשו עפרא בעלמא. אז ראה החכם הנ״ל והוכרח בע״כ להודות על הכל שיש מלך וכו׳:**

על זה המעשה נאמרה התורה המדברת מחכמות ותמימות שעיקר השלימות הוא רק תמימות ופשיטות וענין עמלק שהיה חכם וכפר בעיקר וכו׳ ע״ש על פסוק שבע״ יפול״ צדיק״ וקם״ ס״ת עמלק: כי עיקר כל הנפילות הם ע״י חכמות וכו׳ ע״ש: גם אגג מזרע עמלק אעפ״י שראה מפלתו בשעת שבא שמואל אצל שאול להרגו עדיין לא היה מאמין. כ״ש וילך אגג מעדנות״ ות״י מפנקא כי עדיין לא האמין במפלתו. עד שראה בעיניו סוף מפלתו. אז ויאמר אכן סר מר המות״ כי עד עתה לא האמין. (שים עיניך על המעשה ותבין פלאי פלאות): ואם התפילה אינה כראוי. הוא מנעל בג׳ קצוות. והבן: נעיין עוד בסוף הספר בפירוש הרב ותראה דרושים נפלאים.

שמואל טו

ליקו״ט

אוֹף דֶער מַעֲשֶׂה אִיז גְזָאגְט גְוָוארְן דִי תּוֹרָה וָואס זִי שְׁמוּסְט פוּן תְּמִימוּת אַז דֶער עִיקָר יוּדִישְׁקֵייט אִיז נִיט קֵיין חכמות נָאר תמימות אוּן פשיטות וכו׳: (נָאךְ דֶעם אַז עֶר הָאט אוֹס גְלָאזְט דִיא מַעֲשֶׂה. הָאט עֶר זִיךְ אָן גְרוּפְן). אוּן אַז דָאס דַאוִינֶען אִיז נִיט אַזוֹ וִויא מְ׳דַארְף. אִיז עֶס אַשִׁיכֶעלֶע מִיט דְרַיי עֶקְן. פַר שְׁטֵייא גוּט וָוס מְ׳דֶער צֵיילְט. וִוי אַזוֹ מְ׳קָאן אִיבֶּער לֶעבְּן דִי וֶועלְט מִיט בְּרוֹט אוּן מִיט וַואסֶער אוּן מִיט אַפֶּעלְץ. אוּן מְ׳זָאל אַבֶּעסֶער לֶעבְּן הָאבְּן אוּן אַפְרֵיילִיכֶער לֶעבְּן. אֵיידֶער דֶער גְרֶעסְטֶער חכם אוּן דֶער גְרֶעסְטֶער עוֹשֶׁר אַזוֹ וִויא מִיר זֶעהְן אַז זֵיי זֶענֶע פוּל מִיט יְסוּרִים תָּמִיד. אוּן צוּם סוֹף אִיז זִיךְ אַוַודְאי נָאר גוּט דֶעם תָּם וָוס עֶר הָאט זִיךְ בַּאנוּגְן גְלָאזְט מִיט וָואס עֶר הָט גְהַאט אוּן אִיז תָּמִיד פְרֵיילֶעךְ גְוֶוען. אוּן דֶער וָואס וִויל זַיין אַחכם אוּן טְרַאכְט פִיל אִיבֶּער. וֶוערְט עֶר פַאר שְׁוַוארְצְט פוּן דֶעם אָן הֵייבּ בִּיז אִין אוֹס לָאז. אוּן אִיז פוּל מִיט יְסוּרִים תמיד. אוּן עֶר הָאט קֵיין מָאל קֵיין לֶעבְּן נִיט. אוּן צוּם סוֹף וֶוערְט עֶר פַאר לוֹרְן. בִּיז דֶער תָּם מוּז אוֹף אִים רחמנות הָאבְּן. אוּן זָאל אִים הֶעלְפְן. חוּץ דֶעם אִיז נָאךְ דָא אִין דֶער מַעֲשֶׂה זֵייעֶר גְרוֹסֶע סוֹדוֹת. וָוארְן דִי אַלֶע מַעֲשִׂיוֹת זֶענֶען דוּרְךְ גְרוֹסֶע סוֹדוֹת הַתּוֹרָה:



124